STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03337

# DI MENSHLIKHE NESHOME IN A SOTSYALISTISHER GEZELSH

Oscar Wilde

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסקאַר וויילד

# דיא מענשליכע נשמה

## אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאפט

איבערזעצט אויס דעם ענגלישען פון מ. ווארשע,
אונטער דער רעדאקציאָן פון דר. י. א. מעריסאָן.

PROGRESSIVE LIBRARY ASSOCIATION

פערלאַג: מייזעל עט קאָ.
422 Grand Street, New York
1910

COPYRIGHT 1910
MAISEL & COMPANY
NEW YORK

# די מענשליכע נשמה אין אַ
# סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט

איך האָב פיעל פערגעניגען פון דעם געראנק, אז נאָך א לאַנגע צייט פריהער, איידער טרויער האָט געפאַנגען מיינע טעג און האָט מיך צוגעבונדען צו זיין וואָגען, האָב איך אין „דער מענשליכער נשמה" געזאָגט, אז דער, וואָס וויל געהן אין קריסטוס'עס וועג, מוז זיין אין גאַנצען און פאָלשטענדיג ער אַליין, און איך האָב גענומען אַלס מיין פאָרבילד ניט נור דעם פאַסטוך אויפ'ן בערגעל און דעם פערשפאַרטען אין זיין תפיסה־קאַמער, נאָר אויך דעם מאַהלער, פאַר וועמען די וועלט איז א יום־טוב־פראָצעסיע, און דעם דיכטער, פאַר וועמען די וועלט איז א ליעד.

אָסקאַר ווײַלד.

(דע פראָפונדיס, 1905)

די וויכטיגסטע טובה, וואָס וועט אַרויסקומען פאַר דער מענשהייט פון דער פערווירקליכונג פון סאָציאַליזם, איז אָהן ספק דאָס, וואָס די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט אונז בעפרייען פון דער נידעריגער נויטוועגדיגקייט צו לעבען פאַר אַנדערע, וועלכע דריקט אַזוי שטאַרק כמעט יעדען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. פּאַקטיש מיידעט עס קוים אימיצען אויס.

פון צייט צו צייט איז׳ם לויף פונ׳ם יאָהרהונדערט גיט עס זיך איין אַ גרויסען וויסענשאַפטס־מאַן, ווי דאַרווין, אַ גרויסען דיכטער, ווי קיטס, אַ פיינעם קריטישען גייסט, ווי רענאַן, אַ פאָלקאָמענעם קינסטלער, ווי פלאָבער, זיך אָבצו־זונדערען און האַלטען זיך פון דערווייטענס פון די טומעלדיגע פאָדערונגען פון די אַרומיגע, צו שטעהן „אונטער׳ן שוץ פון דער וואַנד״, ווי פּלאַטאָ דריקט זיך אויס, און דערמיט צו ענטוויקלען אין אַ פאָלקאָמענעם גראַד, דאָס וואָס איז בעהאַל־טען אין איהם, צו זיין אייגענעם אונפערגלייכליכען נוצען, און צום אונפערגלייכליכען און דויערענדען נוצען פון דער גאַנצער וועלט. דאָס זיינען אָבער נאָר אויסנאַהמען, די מייסטע מענ־שען פערדאַרבען זייער לעבען דורך אַן אונגעזונדען און איבערטריבענעם אַלטרואיזם — זיינען, אייגענטליך, גע־צוואונגען זייער לעבען צו פערדאַרבען. זיי זיינען אַרומגע־רינגעלט פון אַ שרעקליכער אָרעמקייט, שרעקליכער העסליכ־

קייט, שרעקליכען נויט. אונפערמיידליך, מוזען זיי שטארק געריהרט ווערען פון דעם אלעם. אויף א מענשענ'ס געפיהלען איז לייכטער צו ווירקען ווי אויף זיין פערשטאנד; און, ווי איך האב שוין אנגעוויזען מיט א צייט צוריק אין אן ארטיקעל וועגען די אויפגאבע פון קריטיק, איז פיעל גרינגער מיטצופיהלען יענעמ'ס ליידען, ווי יענעמ'ס געדאנקען. דערי־בער נעהמען זיי זיך גאנץ ערנסט און געפיהלפול, מיט גאנץ גוטע, הגם פאלש־געריכטעטע, כונות, פאר דער ארבייט צו פערגרינגערען די צרות, וואס זיי זעהען ארום זיך. אבער זייערע רפואות היילען ניט אויס די קראנקהייט. זיי פער־לענגערען זי נאר. אין דער אמת'ן זיינען זייערע רפואות א טהייל פון דער קראנקהייט. זיי פרובירען, צום ביישפיעל, לייזען דאס פראבלעם פון ארעמקייט דערמיט, וואס זיי ער־האלטען די ארעמע ווי עס איז ביים לעבען; אדער, ווי עס טהוען די גאר פארטגעשריטענע, דערמיט וואס זיי אמוזירען די ארעמע.

דאס איז אבער ניט קיין לייזונג: עס מאכט נאך גרע־סער די שווערינקייט. דער ריכטיגער ציעל איז צו פרובירען איבערבויען די געזעלשאפט אויף אזא יסוד, אז ארעמקייט זאל זיין אונמעגליך. און די אלטרואיסטישע טוגענדען זיינען פאקטיש געווען א מניעה פאר דער פערווירקליכונג פון דעם ציעל. פונקט ווי די ערגסטע שקלאפען־אייגענטימער זיינען געווען די, וואס האבען גוט בעהאנדעלט זייערע שקלאפען, און האבען אויף דעם אופן מיט זייער גוטסקייט ניט דערלאזען אז די, וואס האבען געליטען פון דעם שרעקליכען סיסטעם, זאלען עס דערפיהלען, און די, וועלכע האבען עס בעטראכט,

זאָלען עס פערשטעהן; אזוי איז איצט אין ענגלאנד: די מענשען וואָס זוכען צו טהאָן דאָס מעהרסטע גוטעס, זיינען די וואָס טהוען די גרעסטע שאָדען. ענדליך קומט אונז שוין אוים צו זעהן, ווי מענשען, וואָס האָבען ווירקליך שטודירט דאָס פּראָבלעם, און קענען דאָס לעבען — געבילדעטע מענשען, וועלכע וואוינען אין איסט־ענד פון לאָנדאָן — טרעטען ארוים און בעטען זיך ביי דער געמיינדע, זי זאָל איינהאלטען איהרע אַלטרואיסטישע נייגונגען צו צדקה, וואוילטהעטיגקייט און דערגלייכען. זיי טהוען דאָס, ווייל זיי רעכענען, אז צדקה ערניעדריגט און דעמאָראַליזירט. זיי זיינען אין גאַנצען גערעכט. צדקה בעשאַפט אָהן א שיעור פיעל זינד.

מען דאַרף נאָך זאָגען אָט וואָס. עס איז אונמאָראַליש צו בענוצען פּריוואַט־אייגענטהום, כדי צו פערגרינגערען די שרעקליכע צרות, וואָס שטאַמען פון פּריוואַט־אייגענטהום. עס איז אונמאָראַליש, אי אונגערעכט.

אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, נאַטירליך, וועט דאָס אַלץ אַנדערש זיין. עס וועלען ניט זיין קיין מענשען, וואָס וועלען לעבען אין שמוציגע גריבער, אָנגעטהאָן אין שמוציגע שמאַטעס, מענשען, וואָס האָדעווען אוים קרענקליכע, פערהונגערטע קינדער אין אַן אונמעגליכער און אבסאָלוט־אָבשטויסענדער סביבה. די זיכערהייט פון דער געזעלשאַפט וועט ניט זיין אָבהענגיג, ווי איצט, פון'ם וועטער. אין א פראָסט וועלען מיר ניט האָבען קיין הונדערט טויזענד מענשען אָהן ארבייט, וואָס בלאָנקען זיך ארום אין די גאַסען אין עקעלהאַפטער נויט, בעטען וויינענדיג נדבות ביי שכנים, שטופּען זיך ביי די טהירען פון עקעלהאַפטע הקדשים, כדי

צו קריגען אַ שטיק ברויט און אָן אומריין נאַכטלעגער. יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט וועט האָבען אַ טהייל אין דער אַלגעמיינער הצלחה און גליק פון דער געזעלשאַפט, און פון אַ פּראָסט וועט פּאַקטיש קיינער גאָר ניט ליידען.

פון דער אַנדערער זייט, וועט דער סאָציאַליזם האָבען אַ גרויסע בעדייטונג שוין דערפאַר, וואָס ער וועט פיהרען צו אינדיווידואַליזם. מאַכענדיג פון פּריוואַט־אייגענטהום געזעלשאַפטליך רייכטהום און פערבייטענדיג די קאָנקורענץ אויף קאָאָפּעראַציע, וועט דער סאָציאַליזם, קאָמוניזם, אָדער, ווי מען זאָל עס ניט רופען, אומקעהרען די געזעלשאַפט צו איהר נאַטירליכען צושטאַנד פון אַ פאָלשטענדיג־געזונדען אָרגאַניזם, און וועט פערזיכערען דעם מאַטעריעלען וואויל־שטאַנד פון יעדען מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט. דער סאָ־ציאַליזם וועט ווירקליך געבען דעם לעבען זיין ריכטיגען באַזיס און ריכטיגע סביבה. אָבער פאַר דער פולער ענטוויק־לונג פון לעבען צו דער העכסטער מדרגה פון פאָלקאָמענהייט איז נאָך עפּעס נויטיג. עס איז נויטיג עס זאָל זיין אינדיווי־דואַליזם. אויב דער סאָציאַליזם וועט זיין אויטאָריטער, אויב עס וועלען זיין רעגיערונגען, בעוואַפענט מיט עקאָנאָמישער מאַכט, ווי איצט מיט פּאָליטישער, אויב, מיט איין וואָרט, מיר וועלען האָבען אינדוסטריעלע טיראַנייען, — דאַן וועט די צוקונפט פונ׳ם מענשען זיין ערגער פון דער פערגאַנגענ־הייט. איצט גיט דאָס פּריוואַט־אייגענטהום פיעל מענשען אַ מעגליכקייט צו ענטוויקלען אַ געוויסע זעהר בעגרענצטע מאָס פון אינדיווידואַליטעט. דאָס זיינען אָדער מענשען, וואָס האָבען אויף זיך ניט דעם יאָך פון ארבייט פאַר זייער עקזיס־

טענץ, אָדער מענשען, וואָס האָבען די מעגליכקייט אויסצור־קלייבען זיך אזא טהעטיגקייטס־פעלד, וואָס איז זיי ווירקליך צום הארצען און פערשאפט זיי פערגעניגען. דאָס זיינען דיכטער, פילאָזאָפען, מענשען פון וויסענשאַפט, מענשען פון קולטור — מיט איין וואָרט, די ריכטיגע מענשען, די וואָס האָבען פערווירקליכט זייער פערזענליכקייט, און אין וועלכע די מענשהייט געפינט איהר טהיילווייזער פערווירקליכונג. פון דער אנדערער זייט איז פאראַן אַ מאסע מענשען, וואָס האָבען ניט קיין אייגענטהום און זיינען שטענדיג אויפ'ן ברעג פון נויט און הונגער; זיי זיינען געצוואונגען צו טהאָן די ארבייט פון לאסט־טהיערען, צו טהאָן אַן ארבייט וואָס איז זיי גאָר ניט צום הארצען; דערצו טרייבט זיי די איינגע־שפּארטע, אונזיניגע, ערניעדריגענדע טיראַניי פון נויט. דאָס זיינען די אָרעמע. ניטאָ ביי זיי קיין גראציעזע מאַניערען, קיין בעצויבערונג פון רייד; זיי ווייסען ניט פון ציוויליזאציע, קולטור, איידעלע פערגעניגענס און לעבענס־פרייד. מאטעריעל געווינט די מענשהייט פיעל פון זייער קאָלעקטיווער קראפט. זי געווינט אָבער נאָר מאטעריעל. דער אָרעמער מענש האָט אַן און פאר זיך קיין שום בעדייטונג ניט. ער איז ניט מעהר ווי אַן אונענדליך־קליינער אטאָם פון אַ קראפט, וואָס צוטרעט איהם, גאָר ניט רעכענענדיג זיך מיט איהם. זי וויל איהם ליעבערשט האָבען אַ צוטרעטענעם, ווייל יעמאָלט איז ער פיעל געהאָרכזאַמער.

נאטירליך, קען מען זאָגען, אז דער אינדיווידואליזם, וואָס וואַקסט אויס אויפ'ן באָדען פון פּריוואט אייגענטהום, איז ניט אַלע מאָל, און אפילו ניט בדרך כלל, אזוי שעהן און

הערליך ; און פערקעהרט אז די אָרעמע האָבען דאָך א סך טוגענדען, אויב אפילו זיי פערמאָגען ניט קיין קולטור און רייץ. דיביידע בעמערקונגען זיינען גאַנץ ריכטיג. זעהר אָפט האָט דאָס פּריוואַט־אייגענטהום א שטאַרק־דעמאָראַ־ליזירענדע ווירקונג, און דאָס איז נאַטירליך איינער פון די מאָטיוועןֿ, פּאַרוואָס דער סאָציאַליזם וויל פּטור ווערען פון דער אינסטיטוציאָן. אין אמת'ן איז אייגענטהום ווירקליך אַן אָנשיקעניש. מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק זיינען מענשען אַרומגעפּאָהרען איבער'ן לאַנד און האָבען דערצעהלט, אַז אייגענטהום האָט פליכטען. זיי האָבען גערעדט דערפון אַזוי אָפט און אַזוי לאַנגוויילִיג, אַז צום סוף האָט עס אָנגעהויבען נאָכצוזאָגען די קירך. איצט הערט מען עס פון יעדער בימה. דער געדאַנק איז גאָר אַ ריכטיגער. ניט נאָר האָט אייגענטהום פליכטען, נאָר עס האָט גראָד אַזוי פיעל פליכטען, אַז צו האָבען אַ וועלכען ניט איז גרעסערען פערמעגען איז גאָר אַ נודנער עסק. אייגענטהום שטעלט דעם מענשען אָהן אַ שיעור תביעות, פאָדערט פון איהם אונענדליכע אויפמערק־זאַמקייט צום געשעפט און איז פערבונדען מיט אונענדליכע דאגות. ווען אייגענטהום וואָלט געווען פערבונדען נאָר מיט פערגעניגען, וואָלט עס געווען צו דערליידען, אָבער די פליכ־טען מאַכען עס אונערטרעגליך. אין די אינטערעסען פון די רייכע, דאַרפען מיר פּטור ווערען פון פּריוואַט־אייגענטהום.

מיר זיינען גרייט מודה צו זיין, אַז די אָרעמע האָבען טוגענדען און מיר בעדויערען עס שטאַרק. מען דערצעהלט אונז אָפט, אַז די אָרעמע זיינען דאַנקבאַר די צדקה־געבער. בלי ספק זיינען פאַראַן אַזעלכע, אָבער די בעסטע צווישען די

אָרעמע זיינען קיינמאָל ניט דאַנקבאַר. זיי זיינען אונדאַנקבאַר, אונצופריעדען, אונגעהאָרכזאַם, רעוואָלוציאָנער — און זיי טהוען גאַנץ גלייך, וואָס זיי זיינען אַזוי. זיי פיהלען, אַז צדקה איז אַ לעכערליך־ אונפּאַסיגער מיטעל ווי אַזוי זיי אָבצוגעבען אַ טהייל פון דעם, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען, אָדער אַ סענטימענטאַלע נדבה, וואָס גיזהט געוועהנליך האַנד ביי האַנד מיט אַ חוצפּה'דיגען פערלאַנג פונ'ם סענטימענטאַלען בעל־צדקה אַריינצומישען זיך אין זייער פּריוואַטלעבען. פאַרוואָס זאָלען זיי דאַנקבאַר זיין פאַר די ברעקלעך, וואָס פאַלען אַראָב פון גביר'ס טיש? זייער פּלאַץ איז ביים טיש גופא; און זיי הויבען דאָס שוין אָן צו פערשטעהן. וואָס אָנבעלאַנגט זייער אונצופריעדענהייט, מוז מען זאָגען, אַז אַ מענש, וואָס וואָלט זיך צופריעדענגעשטעלט מיט אַזעלכע אומשטענדען און אַזאַ ניעדריגער פאָרם פון לעבען, וואָלט גאָר געווען אַן אונמענש. אונגעהאָרכזאַמקייט איז, אין די אויגען פון יעדען וואָס ווייס געשיכטע, דעם מענשען'ס אורשפּרינגליכע טוגענד. דורך אונגעהאָרכזאַמקייט איז די מענשהייט פאָרווערטס געגאַנגען — דורך אונגעהאָרכזאַמקייט און מרידה. אָפטמאָל ריהמט מען די אָרעמע פאַר זייער שפּאָרזאַמקייט. אָבער ראַטהען די אָרעמע צו זיין שפּאָרזאַם, איז אי לעכערליך, אי בעליידיגענד. עס איז אַלץ איינס ווי געבען אַן עצה אַ מענשען וואָס שטאַרבט פון הונגער, ער זאָל וועניגער עסען. עס איז אַבסאָלוט אונמאָראַליש, אַז אַ שטאָדטישער אָדער דאָרפישער אַרבייטער זאָל לעבען שפּאָרזאַם. אַ מענש דאַרף ניט ווייזען, אַז ער קען לעבען ווי אַ שלעכט געקאָרמעטע בהמה. ער דאַרף זיך אָבזאָגען פון אַזאַ

מין לעבען, און דאַרף בעסער געהן גנב'ענען, אָדער לעבען פון קצבה, וואָס פיעלע האַלטען אַז עס איז אויך אַ מין גנבה. בעטלען איז אודאי זיכערער ווי נעהמען, נאָר עס איז שעהנער צו נעהמען, ווי צו בעטלען. ניין: אַן אָרעמאַן, וואָס איז אונ־דאַנקבאַר, ניט־שפּאָרזאַם, אונצופריעדען, מוז מסתמא זיין אַן אמת'ע פּערזענליכקייט, און האָט אין זיך עפּעס בעדייי־טענדעס. ער איז אַלענפאַלס אַ געזונדער פּראָטעסט. וואָס די טוגענדהאַפטע אָרעמע־לייט אַנבעלאַנגט, קען מען, נאַטירליך, רחמנות האָבען אויף זיי, אָבער ס'איז אונמעגליך זיי צו בעוואונדערען. זיי האָבען יעדער איינער שלום געמאַכט מיט'ן שונא און פערקויפט זייער בכורה פאַר זעהר שלעכטע לינזען. דערצו מוזען זיי זיין אונגעוועהנליך נאַריש. איך קען גוט פערשטעהן אַ מענשען, וועלכער וויליגט איין אויף געזעצען וואָס בעשיצען און מאַכען מעגליך די אַנזאַמלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום, כל זמן ער האָט די מעגליכקייט ביי די בעדינ־גונגען צו לעבען אַ שעהנעם און גייסטיגען לעבען אין דער אָדער יענער פאָרם. אָבער עס גלויבט זיך מיר קוים, אַז אַ מענש זאָל קענען מסכים זיין אויף געזעצען, וואָס צוקאַליע־טשען און מאַכען עקעלהאַפט זיין לעבען.

דאָס צו ערקלערען איז אָבער ניט שווער. ס'איז גאָר איינפאַך. נויט און אָרעמקייט ערניעדריגען דעם מענשען אַזוי שטאַרק, און פּאַראַליזירען אַזוי זיין נאַטור, אַז קיין אונטערדריקטער קלאַס האָט קיינמאָל ניט דעם בעוואוסטזיין פון זיינע ליידען. אַנדערע מענשען דאַרפען איהם דאָס דער־צעהלען, און עס טרעפט אַז מען גלויבט די מענשען לחלוטין ניט. די טענות פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטען געגען די

אַגיטאַטאָרס זיינען געווים אמת'ע. אַגיטאַטאָרס זיינען חברה־לייט, וואָס מישען זיך אומעטום, קומען צו מענשען, וואָס זיינען מיט אַלצדינג צופריעדען און זעען צווישען זיי די זאָמען פון אונצופריעדענהייט. און טאַקע דערפאַר זיינען אַגיטאַטאָרס אַזוי נויטיג. אָהן זיי וואָלט פאַר אונז, אונפאָל־קאָמענע, יעדער שריט צו ציוויליזאַציע געווען אונמעגליך. שקלאַפעריי איז אָבגעשאַפט געוואָרען אין אַמעריקאַ, ניט ווייל די שקלאַפען אַליין האָבען עפּעס געטהאָן פאַר זייער בעפרייאונג, אָדער ווייל זיי האָבען קלאָר אויסגעדריקט אַ פערלאַנג צו זיין פריי. די שקלאַפעריי איז אָבגעשאַפט געוואָ־רען אויסשליסליך דורך די העכסט־אונגעזעצליכע טהעטיגקייט פון די אַגיטאַטאָרס אין באָסטאָן און אַנדערשוואו, וועלכע זיינען ניט געווען קיין שקלאַפען, ניט קיין שקלאַפען־אייגענ־טהימער, און האָבען בכלל ניט געהאַט קיין שייכות מיט דעם גאַנצען עסק. זיכער איז, אַז די אַבאָלוציאָניסטען האָבען אָנ־געצונדען דעם פאַקעל, אַז זיי זיינען געווען די ערשטע אין קאַמפף. אַ מאָדנע זאַך! די שקלאַפען אַליין האָבען ניט־נאָר ווייניג וואָס געהאָלפען זייערע בעפרייער, נאָר האָבען מיט זיי אפילו כמעט ניט סימפּאַטיזירט. און ווען די שקלאַפען האָבען זיך נאָך דער מלחמה דערפיהלט פריי, אינגאַנצען פריי, פריי אפילו צו שטאַרבען פון הונגער, האָבען פיעלע פון זיי ביטער בעדויערט זייער איצטיגען לעבען. פאַר דעם דענקער איז דאָס טרויעריגסטע אין דער גאַנצער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע ניט דאָס, וואָס מען האָט געטויטעט מאַריע אַנטואַנעטע'ן דערפאַר, וואָס זי איז געווען קעניגין, נאָר דאָס, וואָס די הונגעריגע בויערען פון וואַנדעי זיינען

פרייוויליג געגאַנגען שטאַרבען אין קאַמפף פאַר דעם העסלי־כען פעאָדאַליזם.

עס איז קלאָר אַלזאָ, אַז קיין אויטאָריטערער סאָציאַליזם וועט ניט גוט זיין. דען בעת אין דער איצטיגער געזעלשאַפט קען א גרויסע צאָהל מענשען לעבען געוויסערמאַסען פריי, אינדיווידועל און גליקליך, וועט זיך דאָס קיינעם ניט איינ־געבען ביי אַן אינדוסטריעלען קאַזאַרמע־סיסטעם, אָדער אין א סיסטעם פון עקאָנאָמישער טיראַניי. עס איז צום בעדויערן, וואָס א ט ה י י ל פון אונזער געזעלשאַפט מוז זיין פערשקלאַפט, אָבער וועלען לייזען די פראַגע דורך פער־שקלאַפען די ג א נ צ ע געזעלשאַפט, איז קינדיש. יעדער איינער דאַרף האָבען די פאָלשטענדיגע פרייהייט אויסצו־קלייבען זיך זיין ארבייט. עס טאָר ניט זיין קיין שום צוואַנג. ווען מען צווינגט א מענשען, איז זיין ארבייט ניט גוט, ניט פאַר איהם, ניט פאַר אַנדערע, ניט אַן און פאַר זיך. ווען איך זאָג ארבייט, מיין איך יעדערליי טהעטיגקייט.

איך גלויב קוים, צי ס'וועט זיך היינטיגע צייטען געפינען א סאָציאַליסט, וואָס וועט ערנסט פאָרלעגען, אַז יעדען פריה־מאָרגען זאָל אַן אינספעקטאָר קומען צו יעדען בירגער אין הויז און זעהן, ער זאָל צו דער צייט אויפשטעהן און אָבאַר־בייטען זיינע אכט שעה פיזישע ארבייט. די מענשהייט איז שוין ווייט אוועק פון דער שטופע און טהיילט אויס אזא מין לעבען נור צו די, וועמען עס געפעלט איהר גאַנץ ווילקירליך צו בעצייכענען מיט'ן נאָמען פערברעכער. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז פיעל סאָציאַליסטישע אַנזיכטען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו בעגעגענען, זיינען אָנגעשטעקט מיט אידעען

פון אויטאָריטעט, אויב ניט פון אמת'ן צוואַנג. יעדעס צוזאַמענלעבען דאַרף זיין גאַנץ פרייוויליג. נאָר אין אַ פרייוויליגען צוזאַמענלעבען איז דער מענש שעהן.

מען קען אָבער פרעגען, ווי אַזוי קען דער אינדיווידואַליזם, וואָס איז אין זיין ענטוויקלונג מעהר אָדער ווייניגער אָבהענגיג פון'ם פריוואַט־אייגענטהום, עפּעס געווינען דערפון, וואָס פריוואַט־אייגענטהום וועט אָבגעשאַפט ווערען? דער ענטפער איז זעהר איינפאַך. אמת איז, אַז ביי די איצטיגע אומשטענדען האָט זיך איינגעגעבען אייניגע מענשען, וועלכע האָבען געהאַט זייערע אייגענע מיטלען, מענשען, ווי באַיראָן, שעללי, בראַונינג, וויקטאָר הוגאָ, באָדלער און אַנדערע, מעהר אָדער ווייניגער אויסצודריקען זייער פּערזענליכקייט. קיין איינער פון זיי האָט ניט געאַרבייט אַ טאָג אפילו פאַר לוין. זיי האָבען ניט געוואוסט פון אָרעמקייט. זיי האָבען געהאַט זעהר אַ גרויסען פאָרטהייל. די פראַגע איז, צי וועט עס גוט זיין פאַר'ן אינדיווידואַליזם, אַז דער פאָרטהייל זאָל צוגענומען ווערען. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דאָס האָט פּאַסירט. וואָס וועט דאַן געשעהן מיט'ן אינדיווידואַליזם? ווי אַזוי וועט ער ציהען נוצען דערפון?

אָט ווי ער וועט ציהען נוצען דערפון. ביי די נייע בעדינגונגען וועט דער אינדיווידואַליזם זיין פיעל פרייער, פיעל פיינער און פיעל אינטענסיווער, ווי איצט. איך רייד ניט פון דעם גרויסען אינדיווידואַליזם פון אַזעלכע דיכטער ווי די אויבענדערמאָנטע, וואָס האָבען אויסגעדריקט זייער פּערזענליכקייט אין דער פאַנטאַזיע־וועלט; איך האָב אין זינען דעם גרויסען טהעטיגען אינדיווידואַליזם, וואָס ליעגט פערבאָרגען

פּאָטענציעל אין דער מענשהייט בכלל. דען די אנערקענונג פון פּריוואַט־אייגענטהום האָט אין דער אמת'ן געשאַדט דעם אינדיווידואַליזם, האָט איהם פערטונקעלט, דורך דעם וואָס זי האָט צונויפגעמישט דעם מענשען מיט דאָס, וואָס ער פערמאָגט. עס האָט געפיהרט דעם אינדיווידואַליזם אויף אַ פאַלשען וועג. עס האָט איהם געשטעלט פאַר אַ ציעל ריוח אַנשטאָט ענטוויקלונג. מענשען האָבען אַזוי אָנגעהויבען מיינען, אַז די גאַנצע וויכטיגקייט איז צו האָבען, און עס איז זיי ניט איינגעפאַלען, אַז וויכטיג איז צו זיין. די אמת'ע פאָלקאָמענהייט פון אַ מענשען בעשטעהט ניט דערין, וואָס ער האָט, נאָר דערין, וואָס ער איז. פּריוואַט־אייגענטהום האָט אַ תל געמאַכט פונ'ם אמת'ן אינדיווידו־אַליזם. פּריוואַט־אייגענטהום האָט געשטערט איין טהייל פון דער געזעלשאַפט צו זיין אינדיווידועל, צווינגענדיג איהם צו אַ הונגער־לעבען. דעם אַנדערען טהייל האָט עס געשטערט פון צו זיין אינדיווידועל, אַרויספיהרענדיג איהם אויף אַ פאַלשען וועג און בעלאַסטענדיג איהם מיט רייכטהימער. ווי ווייט דאָס פערמעגען האָט איינגעשלונגען די פּערזענליכקייט, קען מען זעהן דערפון, וואָס דאָס ענגלישע געזעץ איז אימער שטרענגער געווען צו פערברעכענס געגען אייגענטהום, ווי צו פערברעכענס געגען פּערזאָן. אייגענטהום איז נאָך איצט די נויטיגע פאָרבעדינגונג פון פאָלשטענדיגער בירגערשאַפט. דער פלייס, וואָס פאָדערט זיך צו מאַכען געלד, דעמאָראַ־ליזירט אויך זעהר שטאַרק. אין אַ געמיינדע ווי אונזערע, וואו אייגענטהום פערשאַפט אַ מענשען אַ געוואַלדיגע פאַר־נעהמליכקייט, אַ געזעלשאַפטליכע שטעלונג, כבוד, רעספּעקט,

טיטולען און אַנדערע אַנגענעהמע זאַכען פון דעם אייגענעם סאָרט, שטעלט זיך פאַר אַ ציעל דער מענש, וואָס איז בטבע אמביציעז, אַנצוזאַמלען דאָס דאָזיגע אייגענטהום; און ער האַלט אין איין זאַמלען מיט מיה און מאַטערניש אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי ער האָט שוין מעהר וויפיעל ער דאַרף, אָדער קען געברויכען און געניסען, אָדער אפילו וויסען ווי גרויס זיין פערמעגען איז. מענשען זיינען גרייט דאָס לעבען צו פערלירען, ארבייטענדיג אָהן אַ שיעור, אבי צו פערשאַפען זיך אייגענטהום; און דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט, ווען מען בעטראַכט, וואָס פאַר אונגעהייערע פאָרטהיילען אייגענ־טהום ברענגט מיט זיך מיט. עס איז צום בעדויערען, וואָס די געזעלשאַפט איז געבויט אויף אַזאַ יסוד, אז דער מענש ווערט אריינגעשפאַרט אין אַן ענגער גרוב, אין וועלכער ער קען ניט ענטוויקלען אַל דאָס וואונדערבאַרע, בעצויבערענדע און פרעכטיגע, וואָס ליעגט אין איהם, — אין וועלכער ער פערפעהלט פאַקטיש די אמת׳ע פערגעניגענס און פריידען פון לעבען. ביי די איצטיגע בעדינגונגען איז ער אויך זעהר ניט פערזיכערט. אַן אונגעוועהנליך־רייכער סוחר קען זיין יעדע מינוט פון זיין לעבען — און אָפט איז ער טאַקע — אָבהענגיג פון זאַכען, וואָס זיינען ניט אין זיין רשות. בלאָזט אַ ווינד אביסעל שטאַרקער, בייט זיך פלוצלינג דער וועטער, אָדער עס טרעפט אַן אַנדער גאַנץ געוועהנליכע סבה, — קען זיין שיף אונטערגעהן, זיינע ספעקולאַציעס דורכפאַלען, און ער ווערט פלוצלינג אַן אָרעמאַן, און פערלירט זיין גאַנצע שטעל־לונג אין דער געזעלשאַפט. אָבער קיין זאַך טאָר ניט האָבען בכח צו שאַדען דעם מענשען, אויסער דער מענש אַליין. קיין

זאך דארף איבערהויפט ניט האָבען בכח עפּעס צוצונעהמען ביי אַ מענשן. י אַ מענש האָט באמת נאָר דאָס, וואָס איז א י ן איהם. וואָס אויסער איהם, דארף ניט האָבען קיין שום בעטרעף.

אָבשאַפענדיג פּריוואַט־אייגענטהום, ווילען מיר אַלזאָ האָבען אַן אמת'ן, שעהנעם, געזונדען אינדיווידואַליזם. קיינער וועט ניט פערשווענדען זיין לעבען אויף צו זאַמלען זאכען, אָדער די סימבאָלען פון זאכען. מען וועט לעבען. די זעלטענ־סטע זאך אויף דער וועלט איז — צו לעבען. די מייסטע מענשען עקזיסטירען נאָר, מעהר גאָרנישט.

עס איז נאָך אַ פראַגע, צי מיר האָבען ווען עס איז בעגע־גענט אַ פאָלשטענדיגען אויסדרוק פון אַ פערזענליכקייט, אויסער אין דער פאַנטאַזיע־וועלט פון קונסט. אין דער וועלט פון טהאַטען האָבען מיר עס קיינמאָל ניט געזעהן. צעזאַר, זאָגט מאָמסען, איז געווען דער פאָלשטענדיגער און פאָלקאָ־מענער מענש. אָבער ווי טראַגיש־אונזיכער איז צעזאַר געווען! וואו נאָר עס איז דאָ אַ מענש, וואָס געוועלטיגט, געפינט זיך אַ מענש, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגען זיין געוואַלט. צעזאַר איז געווען זעהר פאָלקאָמען, אָבער געפעהרליך איז געווען דער וועג פון זיין פאָלקאָמענהייט. מאַרקוס אוירעליוס איז געווען אַ פאָלקאָמענער מענש, זאָגט רענאַן. יא, דער גרויסער קייזער איז געווען אַ פאָלקאָמענער מענש. אָבער ווי אונער־טרעגליך זיינען געווען די אונענדליכע פאָדערונגען, וואָס ער האָט געדאַרפט בעפריעדיגען! וואַקעלדיג האָט איהם געמאַכט די לאַסט פון דער מלוכה. ער האָט געוואוסט, ווי אונמעגליך עס איז פאַר איין מענשען צו טראָגען אויף זיינע פּלייצעס די

לאַסט פון דער טיטאַנישער, קאָלאָסאַלער ערד. ווען איך רייד פון א פאָלקאָמענעם מענשען, מיין איך א מענש, וואָס ענט־וויקעלט זיך אונטער פאָלקאָמענע בעדינגונגען; א מענש, וואָס איז ניט פערוואונדעט, צוקאַליעטשעט, פערזאָרגט, אָדער אין געפאַהר. די מייסטע פערזענליכקייטען זיינען גע־ווען גענויט צו זיין רעוואָלוציאָנערען. א העלפט פון זייער קראַפט איז פערלוירען געגאַנגען אין קאַמפף. בייראָן׳ס פער־זענליכקייט, למשל, איז שרעקליך פיעל אוועק לאיבוד אין איהר קאַמפף מיט דער דומהייט, צבוע׳צסטוואָ און פּילים־טערטהום פונ׳ם ענגלישען פאָלק. אזעלכע מלחמות שטאַרקען ניט אַלע מאָל די כחות: אָפטמאָל פערגרעסערען זיי די שוואַכקייט; בייראָן איז קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד צו געבען אונז דאָס, וואָס ער וואָלט אונז געקענט געבען. שעללי איז געווען גליקליכער. אזוי ווי בייראָן איז ער אויך אוועק פון ענגלאַנד ביי דער ערשטער מעגליכקייט. ער האָט אָבער ניט געהאַט אזא נאָמען. ווען די ענגלענדער וואָלטען געהאַט די מינדסטע פאָרשטעלונג, וואָס פאַר א גרויסער דיכטער ער איז ווירקליך געווען, וואָלטען זיי איהם ווילד בעפאַלען און איהם אזוי פיעל פערביטערט דאָס לעבען, וויפיעל זיי וואָל־טען נאָר געקענט. ער איז ניט געווען קיין אָנגעזעהענע פיגור אין דער געזעלשאַפט, און דעריבער האָט זיך איהם איינגע־געבען צו אנטרינען ביז א געוויסען גראַד פון זייערע הענד. אָבער אפילו אין שעללי׳ן פערנעהמען מיר צו אָפט דעם קול פון מרידה. די פאָלקאָמענע פערזענליכקייט וויים ניט פון מרידה, איהר קלאַנג איז שלום.

און וואונדערבאַר וועט זי זיין — די אמת׳ע פערזענ־

ליבקייט פון א מענשען — ווען זי וועט זיך פאר אונז בע־ווייזען. זי וועט אויסוואקסען נאטירליך און איינפאך, ווי עס וואקסט א בלום, אדער א בוים. זי וועט ניט זיין דיסהארמא־ניש. זי וועט זיך ניט חקרן'ען און ניט אריינלאזען זיך אין וכוחים. זי וועט גאר ניט בעווייזען. זי וועט אלצדינג וויסען. און דאך וועט זי ניט זיין פערטהאן אין וויסענשאפט. זי וועט האבען אמת'ע חכמה. דאס מאטעריעלע וועט מעהר ניט זיין די מאס פון איהר ווערטה. זי וועט גארנישט האבען, און דאך וועט זי האבען אלצדינג, און וויפיעל מען זאל ביי איהר ניט צונעהמען, וועט איהר נאך אלץ בלייבען, אזוי רייך וועט זי זיין. זי וועט ניט האבען כסדר טענות צו אנדערע און וועט ניט פאדערען פון זיי, זיי זאלען זיין גלייך צו איהר. זי וועט זיי ליעב האבען, ווייל זיי זיינען אנדערע. און דאך, ניט הא־בענדיג קיין טענות צו קיינעם, וועט זי העלפען אלעמען, גלייך ווי יעדע שעהנע זאך איז אונז בעהילפיג שוין דערמיט אליין, וואס זי איז דאס וואס זי איז. וואונדערפול וועט זיין די פערזענליכקייט פון מענשען. וואונדערפול ווי די פערזענ־ליכקייט פון א קינד.

אין איהר ענטוויקלונג וועט דער פערזענליכקייט צו הילף קומען דאס קריסטענטהום, אויב די מענשען וועלען עס וועלען. נאר אויב די מענשען וועלען עס ניט וועלען, איז איהר ענטוויקלונג ניט ווייניגער זיכער. דען זי וועט זיך ניט קימערען וועגען דער פערגאנגענהייט און איהר וועט ניט ארען, צי געוויסע זאכען האבען פאסירט, אדער האבען ניט פאסירט. און זי וועט ניט אננעהמען קיינע געזעצען, אויסער איהרע אייגענע געזעצען; וועט ניט אנערקענען קיין

אויטאָריטעט, אויסער איהר אייגענער אויטאָריטעט. דאָך וועט זי ליעב האָבען פון דעסטוועגען אַלע די, וואָס האָבען איהר פּרובירט רייכער מאַכען, און זייערע נעמען וועט זי אָפּט דערמאָנען. און איינער פון די איז געווען ק ר י ס ט ו ס.

„ד ע ר ק ע ן ז י ך א ל י י ן!" איז געווען אויפ־געשריבען אויפ'ן טויער פון דער אַלטער וועלט. אויפ'ן טויער פון דער נייער וועלט וועט זיין אויפגעשריבען: „ז י י ד ו א ל י י ן!" און די בשורה, וואָס קריסטוס האָט געבראַכט דעם מענשען, איז געווען דאָס איינפאַכע: ז י י ד ו א ל י י ן! דאָס איז געווען קריסטוס'עס סוד.

ווען יעזוס רעדט וועגען די אָרעמע, מיינט ער איינפאַך פּערזענליכקייטען; פּונקט ווי ער מיינט מענשען מיט אונ־ענטוויקעלטע פּערזענליכקייטען, ווען ער רעדט וועגען די רייכע. יעזוס האָט געלעבט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט גלייך ווי אונזערע דערלאָזט די אָנזאַמלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום; און דאָס עוואַנגעליום, וואָס ער האָט געפּרע־דיגט, האָט ניט געזאָגט, אַז עס איז אַ מעלה פאַר אַ מענשען צו ערנעהרען זיך מיט אונגעזונטע שפּייז ניט צו זאַט, געהן אָנגעטהאָן אין צוריסענע, אונגעזונדע קליידער, שלאָפען אין שרעקליכע, אונגעזונדע, וואוינונגען, און אַז עס איז אַ חסרון, ווען אַ מענש לעבט אין געזונדע, אַנגענעהמע און אַנשטענדיגע אומשטענדען. אַזאַ בליק וואָלט געווען פאַלש אפילו אין יענער צייט און יענער געזעלשאַפט; נאָך פאַלשער, איז עס, פערשטעהט זיך, אין דער איצטיגער צייט און אין ענג־לאַנד. דען, וואָס ווייטער דער מענש געהט צום צפון צו, אַלץ גרעסער ווערט די בעדייטונג פון דער בעפריעדיגונג פון די

מאטעריעלע בעדערפֿנישען; און דערצו איז אונזער געזעל־שאפט אונענדליך קאָמפּליצירטער און צייכענט זיך אויס מיט פיעל גרעסערע עקסטרעמען פון לוקסוס און אָרעמקייט, ווי וועלכע־ניט־איז געזעלשאפט פון דער אַלטער וועלט.

וואָס יעזוס האָט געמיינט איז דאָס. ער האָט געזאָגט דעם מענשען: „דו האָסט אַ וואונדערבארע פּערזענליכקייט, ענטוויקעל זי. ז ײ י ד ו א ל י י ן. מיין ניט, אז דיין פּערזענליכקייט בעשטעהט אין אָנזאמלען און בעזיצען אויסערליכע זאכען. דיין פאָלקאָמענהייט איז אין דיר. וואָלסטו דאָס נור געקענט בעגרייפען, וואָלסטו ניט געוואָלט זיין רייך. געוועהנליכע רייכטהימער קען מען צו׳גנב׳ענען, אמת׳ע רייכטהימער — ניט. אין דעם אוצר פון דיין נשמה זיינען פאַרהאַן אונענדליך־טהייערע זאכען, וואָס קיינער קען ביי דיר ניט צונעהמען. זעה־זשע צו לעבען אזוי, אז דרויסענ־דיגע זאכען זאָלען דיר ניט קענען ברענגען קיין שאדען. און זעה אויך פּטור צו ווערען פון פּערזענליכען אייגענטהום. עס איז פערבונדען מיט געמיינע דאגות, ארבייט אָהן אַ שעור, מיט עולות און אונרעכט. פּערזענליכער אייגענטהום איז אַ שטערונג פאַר דער אינדיווידואליטעט אויף טריט און שריט.“

מען דאַרף בעמערקען, אז יעזוס האָט ניט געזאָגט, אז די פּעראָרעמטע זיינען אונבעדינגט גוט, אָדער אז די רייכע זיינען אונבעדינגט שלעכט. דאָס וואָלט ניט געווען אמת. די רייכע זיינען, אַלס אַ קלאַס, בעסערע מענשען איידער די פּעראָרעמטע, מעהר מאָראַליש, אינטעליגענטער, ערצויגע־נער. אין דער געזעלשאפט איז פאַרהאַן נור איין קלאַס מענשען, וואָס טראַכט מעהר וועגען געלד, איידער די רייכע,

— דאָס זיינען די אָרעמע. דער אָרעמער קען ניט טראַכטען וועגען עפּעס אַנדערש. אין דעם בעשטעהט דער אומגליק פון אָרעמקייט. וואָס יעזוס האָט יא געזאָגט, איז — פאַל־קאָמען מאַכט דעם מענשען ניט דאָס וואָס ער האָט, ניט דאָס אפילו וואָס ער טהוט, נור דאָס וואָס ער איז. און דעריבער שטעלט אונז דאָס עוואַנגעליום פאַר דעם רייכען יונגען מאַן, וואָס איז געקומען צו יעזוס׳ן, אַלס אַ דורכאויס גוטען בירגער, וואָס האָט ניט איבערגעטרעטען קיין איין געזעץ פון דער מלוכה, קיין איין געבאָט פון זיין רעליגיאָן. ער איז גאַנץ רעספּעקטאַבל, אין געוועהנליכען זין פון דעם אונגעוועהנלי־כען וואָרט. יעזוס זאָגט צו איהם: „זאָג זיך אָב פון דיין אייגענטהום, עס שטערט דיר פאָלקאָם צו ווערען. ס׳איז אַ משא פאַר דיר, אַ לאַסט. דיין פּערזענליכקייט דאַרף עס ניט. אין זיך און ניט אויסער זיך וועסטו געפינען וואָס דו ביזט אין דער אמת׳ען און וואָס דו ווילסט אין דער אמת׳ען.“

זיינע אייגענע פריינד האָט יעזוס געזאָגט דאָס זעלבע: ער הייסט זיי, זיי זאָלען זיין זיי אליין און ניט דאגה׳ן וועגען אַנדערע זאַכען. וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען אַנדערע זאַכען? דער מענש איז פאָלקאָמען אין זיך. ווען זיי וועלען געהן צו דער וועלט, וועט די וועלט ניט איינשטימען מיט זיי. דאָס איז אונפערמיידליך. די וועלט האָט פיינט דאָס אינדיווידועלע. אָבער דאָס דאַרף זיי ניט אַרען. זיי דאַרפען זיין רוהיג און קוקען נור אויף זיך. וויל אַ מענש אָבנעהמען ביי זיי דעם ראָק, זאָלען זיי איהם אָבגעבען אויך דעם מאַנטעל, כדי צו בעווייזען, אז מאַטעריעלע זאַכען

האָבען קיין בעדייטונג ניט. אויב מענשען וועלען זיי שימפּ־פען, דאַרפען זיי ניט אָבענטפערן. וואָס פאַר א בעדייטונג האָט עס? דאָס וואָס מען זאָגט אויף א מענש מאַכט איהם ניט אַנדערש. ער איז — וואָס ער איז. די עפענטליכע מיינונג האָט קיין שום ווערטה ניט. אפילו ווען מענשען געברויכען געגען זיי ווירקליכע געוואַלט, דאַרפען זיי ניט ענטפערן צוריק מיט געוואַלט־טהאַטען. דאָס וואָלט געהייסען אַרונטערפאַלען צו דער זעלבער ניעדריגער מדרגה. נאָך אַלעם, אפילו אין תפיסה קען א מענש זיין גאַנץ פריי. זיין נשמה קען זיין פריי. זיין פּערזענליכקייט קען בלייבען רוהיג. ער קען לעבען אין פריעדען. און מעהר פון אַלץ דאַרפען זיי זיך היטען ניט אַריינצומישען זיך אין יענעמס לעבען און ניט צו משפט'ן יענעם.

די פּערזענליכקייט איז א גרויסע געהיימניס. ניט שטענדיג קען מען מעסטען א מענשען נאָך זיינע טהאַטען. ער קען אָבהיטען דאָס געזעץ, און דאָך גאַרניט ווערטה זיין. ער קען איבערטרעטען דאָס געזעץ, און דאָך זיין איידעל. ער קען זיין שלעכט, קיינמאָל אין לעבען ניט האָבענדיג געטהאָן קיין שלעכטס. ער קען בעגעהן א זינד געגען דער געזעל־שאַפט, און דאָך מיט דער דאָזיגער זינד אויסדריקען זיין אמת'ע פאָלקאָמענהייט.

דאָס עוואַנגעליום דערצעהלט אונז וועגען א זינדיגער פרוי. מיר ווייסען ניט די געשיכטע פון איהר ליעבע, אָבער די ליעבע האָט געמוזט זיין זעהר גרויס. דען יעזוס האָט געזאָגט, אז איהרע זינד ווערען איהר פערגעבען, ניט דערפאַר וואָס זי האָט תשובה געטהאָן, נור דערפאַר וואָס איהר ליעבע

איז געווען אזוי שטארק און וואונדערפול. שפּעטער־צו, א קורצע צייט פאר זיין טויט, ווען ער איז ביים סעודה־טיש געזעסען, איז געקומען די פרוי און האט איהם מיט טהייערען אייל בעגאָסען די האָר פון קאָפּ. זיינע פריינד האבען דאָס ניט געוואָלט דערלאָזען, זאָגענדיג, אז דאָס איז אַן אויס־ברענגעריי, און אז דאָס געלד וואָס דאָס אייל קאָסט האט מען געקענט בעסער אָבגעבען נויטבעדערפטיגע אָרעמע לייט. יעזוס האָט אָבער ניט אָנגענומען זייער מיינונג. ער האָט אָנגעוויזען, אז די מאטעריעלע בעדערפנישען פון א מענשען זיינען גרויס און בעשטענדיג, אָבער די גייסטיגע בעדערפּ־נישען זיינען נאָך גרעסער, און אז א פּערזענליכקייט קען אין איין געטליכער רגע, געפינענדיג איהר אייגענעם וועג, דער־גרייכען פּאָלקאָמענהייט. די גאנצע וועלט בוקט זיך פאר דער פרוי נאָך איצט, ווי פאר א הייליגער.

יא, פיעלעס וואָס רופט ארויס צום דענקען איז פערבאָר־גען אין אינדיווידואליזם. דער סאָציאליזם, צום ביישפּיעל, צושטערט דאָס פאמיליענלעבען. צוזאמען מיט'ן פּריוואט־אייגענטהום מוז אויך די היינטיגע הייראַט פערשווינדען. דאָס איז א טהייל פונ'ם פּראָגראם. דער אינדיווידואליזם נעהמט עס אַן און מאכט עס שעהן. ער פערוואנדעלט די אָבשאפונג פון געזעצליכע בעשרענקונגען אין א פאָרם פון פרייהייט, וואָס וועט העלפען דער פולער ענטוויקלונג פון דער פערזענליכקייט און וועט מאכען די ליעבע פון מאַן און ווייב וואונדערבאר, שעהנער און פעראיידעלטער. יעזוס האָט עס געוואוסט. ער האָט אָבגעטרייסעלט פון זיך די פאמיליען־פליכטען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין זיין

צייט און געזעלשאפט האָבען זיי עקזיסטירט אין א זעהר שטארקער פאָרם. ווער איז מיין מוטער? ווער זיינען מיינע ברידער? — האָט ער געפרעגט, ווען מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אז זיי ווילען מיט איהם רעדען. און ווען איינער פון זיינע תלמידים האָט געבעטען ערלויבניש צו געהן בעגראָבען זיין פאָטער, וואָס איז איהם געשטאָרבען, איז זיין שרעקליכער ענטפער געווען: זאָלען די טויטע בעגראָבען די טויטע! יעזוס איז געווען געגען יעדען צוואנג אויף דער פערזענליכקייט.

אן אמת־קריסטליך לעבען לעבט דער, וואָס איז פאָלקאָם און אבסאָלוט ער אליין. ער מעג זיין א גרויסער דיכטער, אָדער א גרויסער וויסענשאפטסמאַן, א יונגער סטודענט אין אַן אוניווערזיטעט אָדער א פאסטוך, וואָס היט זיינע שעפסען אויף א זומפיגע לאָנקע; ער מעג זיין א שאפער פון דראמען ווי שעקספיר, אָדער א דענקער וועגען גאָט, ווי שפינאָזא; ער מעג זיין א קינד וואָס שפיעלט זיך אין גאָרטען, אָדער א פישער, וואָס ווארפט זיין נעץ אין וואסער אריין. עס מאכט ניט אוים וואָס ער איז, כל זמן ער דריקט אוים די פאָלקאָמענהייט פון דער נשמה, וואָס איז אין איהם. יעדע נאָכגעמאכטע זאַך אין מאָראַל און אין לעבען איז פאלש. איבער די גאסען פון ירושלים שלעפט זיך ארום היינטיגען טאָג איינער א משוגענער מיט א היל־צערנעם צלם אויפ׳ן אקסעל. ער איז א סימבאָל פון די לעבענס, וואָס זיינען חרב געוואָרען דורך נאָכאהמונג. דער פאטער דאמיען איז געגאנגען אין קריסטוס׳ס וועג, ווען ער איז אוועק צו די קרעציגע; דען מיהענדיג זיך פאר זיי,

האָט ער פערוווירקליכט דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין איהם. אבער ער איז געווען ניט מעהר קריסטליך, ווי וואגנער, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין נשמה אין מוזיק, אָדער ווי שעללי, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין נשמה אין ליעד. עס איז ניטאָ איין אידעאַלער טיפּ מענש. עס זיינען פאַרהאַן אַזוי פיעל פאָרמען פון פאָלקאָמענהייט, ווי פיעל אונפאָלקאָמענע מענשען. אויב אַ מענש קען נאָכגעבען די תביעות פון וואוילטהעטיגקייט און דאָך בלייבען פריי, — קען אָבער קיין מענש ניט נאָכגעבען די תביעות פון צושטימיגקייט און בלייבען פריי.

וואָס מיר דאַרפען דערגרייכען דורכ׳ן סאָציאַליזם איז— דעם אינדיווידואַליזם. דער שטאַאַט מוז, אַלס אַ נאַטירליכער רעזולטאַט, זיך אָבזאָגען פון יעדער אידעע פון רעגיערונג. ער מוז זיך אָבזאָגען דערפון, ווייל, ווי אַ קלוגער מענש האָט אַמאָל, מיט פיעל יאהרהונדערטע פאַר קריסטוס, געזאָגט, עס קען געמאָלט זיין אַזאַ זאַך ווי לאָזען די מענשהייט צורוה, עס קען אָבער ניט זיין אַזאַ זאַך ווי רעגיערען איבער די מענשהייט. אַלע פאָרמען פון רעגיערונג זיינען אַ דורכפאַל. דער דעספּאָטיזם איז אונגערעכט צו אַלעמען, מיטרעכנענדיג דעם דעספּאָט אַליין אויך, וועלכער איז וואהרשיינליך בעשאַפען געוואָרען פאַר עפּעס בעסערס. אָליגאַרכיעס זיינען אונגערעכט צו די פיעלע און אָכלאָקראַטיעס (די הערשאַפט פון המון) זיינען אונגערעכט צו די ווייניגע. גרויסע האָפנונגען האָט מען אַמאָל געלעגט אויף דער דעמאָקראַטיע; אָבער די דעמאָקראַטיע איז ניט מעהר ווי די קנוט־הערשאַפט פון פאָלק, איבער׳ן פאָלק, פאַר׳ן פאָלק. ענדליך האָט מען עס

אויסגעפונען. איך מוז זאָגען, אַז עס איז שוין לאַנג צייט געוועז; דען יעדע הערשאַפט איז ערניעדריגענד. זי ערניעדריגט די וואָס הערשען, און ערניעדריגט די, איבער וועלכע מען הערשט. ווען די הערשאַפט איז געוואַלט־טהעטיג, גראָב און אכזריות'דיג, האָט זי אַ גוטע ווירקונג דערמיט, וואָס זי בעשאַפט אָדער רופט יעדענפאַלס אַרויס דעם גייסט פון מרידה און אינדיווידואַליזם, וועלכער וועט איהר טויטען. איז אָבער די הערשאַפט אַ מילדע און איז פערבונדען מיט אַ סיסטעם פון מתנות און בעלוינונגען, דאַן איז זי שרעקליך דעמאָראַליזירענד. אין דעם פאַל האָבען די מענשען אַ שוואַכערען בעוואוסטזיין פון דער שרעקליכער אונטערדריקונג, וואָס זיי שטעהען אויס, און אַזוי לעבען זיי דורך זייער לעבען אין אַ מין גראָבער בעקוועמליכקייט, ווי פערצערטעלטע טהיערען, קיינמאָל ניט פאָרשטעלענדיג זיך, אַז זיי דענקען וואהרשיינליך די געדאַנקען פון אַנדערע מענשען, אַז זיי לעבען לויט דעם מאַסשטאַב פון אַנדערע מענשען, אַז זיי טראָגען פראַקטיש, אַזוי צו זאָגען, די אָב־געטראָגענע קליידער פון אַנדערע מענשען, און זיינען ניט קיין איינציגע רגע פון זייער לעבען זיי אַליין. ווער עס וויל זיין פריי, זאָגט אַ פיינער דענקער, „טאָר זיך ניט צופּאַסען צו אַנדערע". און די אויטאָריטעט, וואָס קויפט אונטער די מענשען זיך „צוצופּאַסען", בעשאַפט ביי אונז אַ זעהר גראָבע פאָרם פון אַן איבערגעפּאַשעטען באַרבאַריזם.

צוזאַמען מיט אויטאָריטעט וועט אויך פערשווינדען די שטראָף. דאָס וועט זיין אַ גרויס געווינס, — אַ געווינס, וואָס מען קען באמת גאָרניט בערעכענען זיין ווערטה. ווען

מען לעזט געשיכטע, ניט אין די פערפעלשטע אויסגאבען, וואס ווערען געשריבען פאר שול־קינדער און בחורים, וואס האלטען ווי־ניט־איז אויס די עקזאמענס, נור אין די אָריגינעלע קוועלען פון יעדער עפאכע, — פיהלט מען אן אבסאלוטען עקעל ניט פון די פערברעכענס, וואס די בייזע זיינען בעגאנ־גען, נור פון די בעשטראפונגען, וואס די גוטע האבען אנ־געווענדט. דאס שטענדיגע אנווענדען פון שטראפען ברוטא־ליזירט די געזעלשאפט אהן א שיעור מעהר איידער די צופעליגע פערברעכענס וואס ווערען בעגאנגען. וואס מעהר מען בעשטראפט, אלץ מעהר פערברעכענס ווערען בעגאנגען. די נייע געזעצגעבונג האט עס אנערקענט און האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו בעשטראפען וואס ווענינער. און וואו נור מען האט ווירקליך אנגעהויבען ווענינער צו בעשטראפען, זיינען די רעזולטאטען תמיד געווען זעהר גוטע. וואס ווענינער בעשטראפונג, אלץ ווענינער פערברעכען. ווען עס וועט שוין ניט זיין קיין בעשטראפונג אינגאנצען, וועלען פערברעכענס אדער לחלוטין אויפהערען צו עקזיסטירען, אדער אויב עס וועט יא געשעהען, וועלען עס בעהאנדלען דאקטוירים, אלס א זעהר פיינליכע פארם פון משוגעת, וואס דארף געהיילט ווערען מיט איינזעהעניש און גוטמיטהיגקייט. דען די מענשען וואס ווערען גערעכענט היינטיגע צייטען פאר פערברעכער זיינען גאר קיין פערברעכער ניט. נויט, און ניט זינד, איז די מוטער פון פערברעכען אין דער איצטיגער צייט. און דאס איז טאקע די ערקלערונג פאר וואס אונזערע פערברעכער, אלס א קלאס, זיינען אזוי פאלשטענדיג אונ־אינטערעסאנט, פון וועלכען פסיכאלאגישען שטאנדפונקט

מען זאָל אויף זיי ניט קוקען. זיי זיינען ניט קיין וואונדער־באַרע מאַקבעטס אָדער שרעקליכע וואָטרענס. זיי זיינען נור דאָס, וואָס געוועהנליכע, רעספּעקטאַבלע אַלטאַגס־מענשען וואָלטען געוועזען, ווען זיי וואָלטען ניט געהאַט גענוג צו עסען. ווען פּריוואַט־אייגענטהום ועט אָבגעשאַפט ווערען, וועט ניט זיין קיין בעדערפניש אין פערברעכענס, ניט קיין נאָכפראגע אויף זיי. זיי וועלען אויפהערען צו עקזיסטירען. עס פער־שטעהט זיך, ניט אַלע פערברעכענס זיינען פערברעכענס געגען אייגענטהום, הגם דאָס ענגלישע געזעץ, וועלכעס שעצט מעהר דאָס וואָס אַ מענש האָט, איידער דאָס וואָס אַ מענש איז, בעשטראָפט דעם מין פערברעכענס מיט דער האַרטעס־טער און שרעקליכסטער שטרענגקייט, ד. ה. אויב מיר זאָלען ניט רעכענען דאָס פערברעכען פון מאָרד, און זאָלען אָננעהמען אַז דער טויט איז ערגער איידער צוכטהויז, — אַ פּונקט וועגען וועלכען מיר דוכט אַז אונזערע פערברעכער זיינען ניט איינ־שטימיג. אָבער הגם עס קען געבען אַ פערברעכען ניט געגען אייגענטהום, קען עס אָבשטאַמען פון דעם עלענד, כעס און דערשלאָגענהייט, וואָס אונזער אונגערעכטער סיסטעם פון אייגענטהום־בעזיץ רופט אַרויס, און וועט דעריבער פער־שווינדען ווען דער סיסטעם וועט אָבגעשאַפט ווערען. ווען יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט וועט האָבען אַלץ, וואָס איז נויטיג צו בעפריעדיגען זיינע בעדערפנישען, און וועט ניט ווערען געשטערט פון זיין נאָכבאַר, וועט ער ניט האָבען קיין אינטערעס צו שטערען אימיצען אַנדערש. די אייפערזוכט, וואָס איז אין היינטיגען לעבען אַן אויסערגעוועהנליכער קוואַל פון פערברעכענס, איז

א געפיהל וואָס איז ענג פערבונדען מיט אונזערע בעגריפען וועגען אייגענטהום, און וועט אָבשטאַרבען אונטער דעם סאָציאַליזם און אינדיווידואַליזם. מערקווירדיג איז, אַז קאָמוניסטישע שבטים ווייסען לחלוטין ניט פון אייפערזוכט.

אויב דער שטאַאַט וועט ניט רעגיערען, קען מען פרעגען, וואָס־זשע וועט ער טהון? דער שטאַאַט וועט זיין אַ פריי־ווילליגע אַסאָציאַציע, וואָס וועט אָרגאַניזירען די אַרבייט, פּראָדוצירען און פערטהיילען די נויטיגע פּראָדוקטען. דער שטאַאַט וועט פּראָדוצירען דאָס, וואָס איז ניצליך, דער איינצעלנער — וואָס איז שעהן. און אַז איך האָב שוין דערמאָנט דאָס וואָרט אַרבייט, מוז איך בעמערקען, אַז היינטיגע צייטען ווערען פיעל נאַרישקייטען געשריבען און גערעדט וועגען דער ווירדע פון פיזישער אַרבייט. פיזישע אַרבייט איז גאָר ניט אונבעדינגט ווירדיג; מייסטענטהיילס איז זי אַבסאָלוט ערניעדריגענד. עס איז גייסטיג און מאָראַליש שעדליך פאַר אַ מענשען צו טהון אַן אַרבייט, וואָס פערשאַפט איהם ניט קיין פערגעניגען, און פיעלע אַרבייטען זיינען ניט מעהר ווי אַ פיזישע אנשטרענ־גונג, אָהן יעדען פערגעניגען, און דאַרפען אָט אַזוי בעטראַכט ווערען. קעהרען אַכט שעה אַ טאָג אַ שמוציגע גאַס, ווען עס בלאָזט דיר אין פנים אַ שטאַרקער מזרח־ווינד, איז אַן עקעל־האַפטע אַרבייט. קעהרען עס מיט גייסטיגער, אָדער מאָראַלי־שער, אָדער פיזישער ווירדע איז, דאַכט זיך מיר, אונמעגליך. קעהרען עס מיט פרייד, וואָלט געווען שרעקליך. דער מענש איז געבוירען געוואָרען צו עפּעס בעסערס ווי פאָרען זיך מיט שמוץ. אַזעלכע אַרבייטען דאַרף טהון אַ מאַשין.

און איך צווייפעל ניט, אז אזוי וועט עס טאקע זיין. ביז צום היינטיגען טאג איז דער מענש שטענדיג געווען, אין א געוויסער מאס, דער שקלאף פון דער מאשין, און עס איז א טראגישער פאקט, וואס ווי נור ער האט ערפונדען די מאשין צו טהון פאר איהם די ארבייט, האט ער אנגעהויבען צו שטארבען פון הונגער. דאס איז אבער נאטירליך דער רעזולטאט פון אונזער סיסטעם, וואס איז געבויט אויף אייגענטהום און קאנקורענץ. איין מענש האט א מאשין, וואס ארבייט פאר פינף־הונדערט מענשען, ממילא ווערען פינף־הונדערט מענשען ארויסגעווארפען פון דער ארבייט, און ניט האבענדיג וואס צו טהון, ליידען זיי הונגער און נעהמען זיך פאר גנבה. איין מענש בעקומט דעם גאנצען פראדוקט וואס א מאשין ארבייט אויס, און האט פינף־הונדערט מאל מעהר ווי עס קומט איהם, און — וואס איז פיעל וויכטיגער — א סך מעהר, וויפיעל ער האט ווירקליך נויטיג. וואלט די מאשין געהערט אלעמען, וואלט יעדער פראפיטירט דערפון. דאס וואלט געווען אן אונגעהויער גרויסער פארטהייל פאר דער געזעלשאפט. די מאשין דארף טהון יעדע איינארטיגע, לאנגווייליגע ארבייט, וואס פאדערט ניט קיין שכל, יעדע ארבייט וואס האט צו טהון מיט העסליכע זאכען און איז פערבונדען מיט אונאנגענעהמע פערבינדונגען. די מאשין דארף ארבייטען פאר אונז אין די קוילען־גרובען און טהון די גאנצע סאניטארע ארבייט, הייצען די דאמפפשיפען, רייניגען די גאסען, ערפילען א שליחות אין א שלעכטען וועטער און טהון אלצדינג, וואס איז לאנגווייליג, אדער פיינליך. אין דער איצטיגער צייט קאנקורירט די מאשין

מיט'ן מענשען. ביי פּאַסיגע בעדינגונגען וועט די מאַשין העלפען דעם מענשען. מען קען ניט צווייפלען אז דאָס איז די צוקונפט פון דער מאַשין, און פּונקט ווי די בוימער וואַקסען, בעת דער לאַנד־הערר שלאָפט, אַזוי וועט די מאַשין טהון די נויטיגע און אונאַנגענעהמע ארבייט, בעת די מענשען וועלען זיך אַמוזירען, אָדער קולטורעל זיך פערוויילען, אָדער וועלען שאַפען שעהנע זאַכען, לעזען שעהנע זאַכען, אָדער פשוט בעטראַכטען די וועלט פול פון בעוואונדערונג און פרייד, — דען דאָס ציעל פון מענשליכען לעבען איז פער־גענינגען, ניט ארבייט. עס איז אַ פאַקט, אַז ציוויליזאַציע נויטיגט זיך אין שקלאַפען. די גריכען זיינען געווען גערעכט אין דעם פּרט. אויב עס איז ניטאָ קיין שקלאַפען, וואָס זאָלען טהון די מאוס'ע, שרעקליכע, אונאינטערעסאַנטע ארבייט, איז יעדע קולטור און גייסטיגע בעטראַכטונג כמעט אונמעגליך. מענשליכע שקלאַפעריי איז אונגערעכט, אונזיכער און דע־מאָראַליזירענד. די צוקונפט פון דער וועלט העננט אָב פון מעכאַנישער שקלאַפעריי, פון דער שקלאַפעריי פון מאַשינען. און ווען וויסענשאַפטס־מענער וועלען ניט דאַרפען מעהר אַוועקלאָזען זיך אין שרעקליכען איסט־ענד, פאַנאַנדערצו־טהיילען צווישען הונגעריגע מענשען שלעכטען קאַקאַאָ און נאָך ערגערע קאָלדרעס, וועלען זיי האָבען גענוג פרייע צייט אויסצוטראַכטען זעלטענע, וואונדערבארע זאַכען, וואָס וועלען זיין אַ פרייד פאַר זיי און פאַר אַלעמען. יעדע שטאָדט, און ווען נויטיג, יעדעס הויז, וועט האָבען רעזערוואוארען פון ענערגיע, און די ענערגיע וועט דער מענש פערוואַנדלען אין היץ, ליכט אָדער בעוועגונג נאָך זיין בעדערפניש נאָך.

איז דאָס אַן אוטאָפּיע? די וועלט־קאַרטע, אויף וועלכער עס איז ניטאָ דער אינזעל אוטאָפּיע, איז ניט ווערטה מען זאָל אַ קוק טהון אויף איהר, דען זי לאָזט אויס דאָס איינציגע לאַנד, וואו די מענשהייט שטעלט זיך אימער אָב. און ווען די מענשהייט שטעלט זיך דאָרטען אָב, קוקט זי זיך אַרום, דערזעהט זי אַ בעסער לאַנד, לאָזט זי זיך ווייטער אין וועג. פּראָגרעס איז די פערווירקליכונג פון אוטאָפּיעס.

איך האָב פריהער געזאָגט, אַז די געזעלשאַפט וועט דורך די אָרגאַניזאַציאָן פון מאַשינעריע פּראָדוצירען די ניצליכע זאַכען, און אַז די שעהנע זאַכען וועלען געמאַכט ווערען פון דעם איינצעלנעם. דאָס איז ניט נור נויטיג, נור דאָס איז דער איינציג־מעגליכער וועג, ווי אַזוי מיר קענען האָבען סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס אַנדערע. אַ מענש, וואָס אַרבייט פאַר אַן אַנדערען, רעכענענדיג זיך מיט יענעמס בעדערפנישען און פערלאַנגען, קען ניט אַרבייטען מיט אינטערעס און, ממילא, קען ער ניט פערקערפּערען אין דער אַרבייט דאָס בעסטע, וואָס איז אין איהם. פון דער אַנדערער זייט, ווי נאָר די געזעלשאַפט, אָדער דער הערשענדער טהייל פון דער געזעל־שאַפט, אָדער וועלכע־עס־איז רעגיערונג, פּרובירט צו בעפעה־לען דעם קינסטלער, וואָס ער זאָל טהון, איז אָדער די קונסט פערשווינדט גאָר אין גאַנצען, אָדער זי ווערט סטערעאָטיפּיש, אָדער זי פאַלט אַראָב צו דער מדרגה פון אַ ניעדריגער און געמיינער מלאכה. אַ קונסטווערק איז אַן אייגענאַרטיגער רעזולטאַט פון אַן אייגענאַרטיגען טעמפּעראַמענט. די שעהנהייט פון אַ קונסטווערק שטאַמט פון דעם, וואָס דער קינסטלער איז דאָס, וואָס ע ר א י ז. עס האָט גאָר ניט צו

טהון דערמיט וואָס אַנדערע ווילען, וואָס זיי ווילען. אין דער רגע, וואָס דער קינסטלער הויבט אָן צו רעכענען זיך מיט די פערלאַנגען פון אַנדערע און פּרובירט צופריעדענשטעלען זייערע פאָדערונגען, הערט ער אויף צו זיין אַ קינסטלער און ווערט אַ לאַנגווייליגער אָדער אַמוזירענדער בעל־מלאכה, אַן אָרענטליכער אָדער אונאָרענטליכער קרעמער. ער האָט שוין מעהר קיין רעכט ניט בעטראַכט צו ווערען פאַר אַ קינסטלער. קונסט איז די אינטענסיווסטע פאָרם פון אינדיווידואַליזם, וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן. איך בין געניינט צו זאָגען, אַז קונסט איז די איינציג אמת׳ע פאָרם פון אינדיווידואַליזם, וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן. דאָס פערברעכען, וועלכעס זעהט אויס ווי עס וואָלט ביי געוויסע בעדינגונגען געשאַפען אינדיווידואַליזם, מוז זיך רעכנען מיט אַנדערע מענשען און שטערען זיי. פערברעכען געהערט צו דער וועלט פון טהעטיגקייט. נור דער קינסטער אַליין, ניט רעכנענדיג זיך מיט די אַרומיגע און ניט אָנריהרענדיג זיי, קען אויספורמען אַ שעהנע זאַך, און אויב ער טהוט עס ניט אויסשליסליך פון זיין אייגענעם פערגניגען וועגען, איז ער גאָר קיין קינסטלער ניט.

און מען דאַרף בעמערקען, אַז גראָד דער פאַקט וואָס די קונסט איז אַזאַ אינטענסיווע פאָרם פון אינדיווידואַליזם, איז די אורזאַך פאַר וואָס זי רופט ארויס ביים עולם אַ חשק אויסצואיבען איבער איהר אַן אויטאָריטעט, וועלכע איז פונקט אַזוי אונמאָראַליש, ווי זי איז שעדליך. עס איז ניט גאָר אין גאַנצען דעם עולם׳ס שולד. די מאַסען זיינען אין אַלע צייטען און אין אַלע דורות געווען שלעכט ערצויגען. זיי האַלטען

אין איין פֿאָדערן אז די קונסט זאָל זיין פּאָפּולער, זאָל צופריעדענשטעלען זייער געשמאַקלאָזיגקייט, חנפ'ענען זייער נארישע אייטעלקייט, דערצעהלען זיי וואָס מען האָט זיי שוין פריהער דערצעהלט, ווייזען זיי דאָס, וואָס האָט זיי שוין גערארפט דערעסען קוקענדיג, אַמוזירען זיי נאָך אַ שווערען מאָהלצייט, צושטרייען זייערע געדאנקען, ווען זיי ווערען מיעד פון דער אייגענער טעמפּקייט. די קונסט טאָר אָבער קיינמאָל ניט שטרעבען צו זיין פּאָפּולער. דער עולם דאַרף שטרעבען צו ווערען קינסטלעריש. דאָס זיינען גאַנץ פערשיעדענע זאַכען. ווען מען זאָל זאָגען אַ וויסענשאַפטסמאַן, אז די רעזולטאַטען פון זיינע עקספּערימענטען און די שליסע צו וועלכע ער דערגעהט, דארפען טראָגען אזא כאראקטער, אז זיי זאָלען ניט איבערקעהרען די ביים פאָלק אָנגענומענע בעגריפען וועגען דעם ענין, אָדער אז זיי זאָלען ניט צער־שטערען די פערשפּרייטע פּאָראורטיילען, אָדער זיי זאָלען ניט בעליידיגען די עמפּפינדליכקייט פון מענשען, וואָס הייבען ניט אָן צו וויסען וואָס וויסענשאַפט איז; ווען מען זאָל דערצעהלען אַ פילאָזאָף אז ער האָט דאָס פולע רעכט צו שוועבען אין די העכסטע ספערען פון געדאנק בתנאי, ער זאָל קומען צו די זעלבע שליסע, ביי וועלכע עס האַלטען זיך מענשען, וואָס האָבען קיינמאָל ניט פּרובירט דערהויבען זיך צו וועלכען־ניט־איז געדאנק — אויב מען זאָל דאָס אַלץ זאָגען היינטיגע צייטען אַ וויסענשאַפטסמאַן אָדער אַ פילאָזאָף, וואָלטען זיי זיך שטאַרק צולאַכט. און דאָך איז עס ערשט קנאַפּע עטליכע יאָהר זינט די וויסענשאַפט און די פילאָזאָפיע זיינען ביידע געווען אונטערן יאָך פון אַ ברוטאַלען פאָלקס־

קאָנטראָל, פון א פּאַקטישער אויטאָריטעט — די אויטאָריטעט פון דער אַלגעמיינער אונוויסענהייט פון דער געזעלשאַפט, אָדער פון דער שרעקענס־הערשאַפט און דער לוסט צו מאַכט פון א גייסטליכען אָדער א רעגיערענדען קלאַס. גאַנץ געוויס זיינען מיר איצט שוין אין א גאַנץ גרויסען ערך פּטור געוואָרען פון דער געפאַהר זייטענס דער געזעלשאַפט, קירכע אָדער רעגיערונג צו וועלען שטערען דעם אינדיווידואַליזם פון אבסטראַקטען געדאַנק; אָבער די שטרעבונג צו שטערען דעם אינדיווידואַליזם פון דער פאַנטאַזיע־רייכער קונסט לעבט נאָך אַלץ וויפיעל־ניט־איז. און ניט נור קוים וואָס זי לעבט, נור זי איז אַגרעסיוו, אַנגרייפיג און ברוטאַליזירענד.

אין ענגלאַנד האָט אַם בעסטען אָבגעגאָלטען די פאָרמען פון קונסט, מיט וועלכע דער עולם אינטערעסירט זיך ניט. פּאָעזיע איז איינע פון זיי. פיינע פּאָעזיע איז מעגליך געווען אין ענגלאַנד, ווייל דער עולם לעזט זי ניט, און, ממילא האָט ער אויף איהר קיין ווירקונג ניט. דער עולם האָט ליעב צו בעליידיגען דיכטער, ווייל זיי זיינען אינדיווידועל, אָבער, האָט ער זיי שוין בעליידיגט, לאָזט ער זיי צורוה. אין דער ערצעהלונג און דראַמאַ, מיט וועלכע דער עולם אינטערעסירט זיך יאַ, איז די ווירקונג פון דער פאָלקס־אויטאָריטעט אבסאָלוט לעכערליך. קיין לאַנד בעשאַפט ניט אזא שלעכטע בעלעטריסטיק, אַזעלכע לאַנגוויילינע, געמיינע נאָוועלען, אזעלכע נארישע, וואולגארע דראַמען, ווי ענגלאַנד. און אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין. דעם פאָלק'ס מאַסשטאַב איז אזא, אַז קיין קינסטלער קען ניט קומען צו איהם. עס איז אי זעהר לייכט, אי זעהר שווער צו זיין א פּאָפּולערער

נאַטוראַליסט. עס איז זעהר לייכט, דען די פאָדערונגען, וואָס דער עולם שטעלט צום עצם המעשה, סטיל, פּסיכאָלאָגיע, בעהאַנדלונג פון לעבען און ליטעראַטור, זיינען ניט איבער די כחות פון אַ מענשען מיט די קלענסטע פעהיגקייטען און ניעדריגסטער שטופע פון ענטוויקלונג. עס איז זעהר שווער, דען כדי צו ערפילען די פאָדערונגען, דאַרף דער קינסטלער פערגעוואַלטיגען זיין טעמפּעראַמענט, שאַפען ניט צוליעב דער קינסטלערישער פרייד פון שאַפען, נור פאַר דעם פער־גניגען פון האַלב־געבילדעטען מענשען; דאָס הייסט, ער מוז אונטערדריקען זיין אינדיווידואַליטעט, פערגעסען זיין בילדונג, מאַכען אַ תל פון זיין סטיל און אָבזאָגען זיך פון דאָס בעסטע און טהייערסטע וואָס איז אין איהם. וואָס איז שייך צו דער דראַמאַ, איז די לאַגע אַביסעל אַ בעסערע. אמת, דער טהעאַטער־געהענדער עולם האָט ליעב דאָס, וואָס איז קלאָר און דייטליך, ער האָט אָבער ניט ליעב דאָס לאַנג־וויילינגע. בורלעסק און פאַרס, די צוויי פּאָפּולערסטע פאָרמען, זיינען דאָך בעשטימטע פאָרמען פון קונסט. אין בורלעסק און פאַרס קען מען שאַפען עטוואָס גאַנץ שעהנעס, און אין די פאָרמען איז דעם קינסטלער אין ענגלאַנד ערלויבט אַ גרויסע מאָס פון פרייהייט. ערשט ווען מען נעהמט בעטראַכטען די העכערע פאָרם פון דראַמאַ, זעהט מען, וואָס פאָלקס־קאָנטראָל בעטייט. איין זאַך, וואָס דער עולם האָט ניט ליעב, איז נייעס. יעדע שטרעבונג צו בערייכערען די קונסט מיט אַ נייעם אינהאַלט בעליידיגט שטאַרק דעם עולם'ס געשמאַק. און דאָך הענגט אָב די לעבענס־קראַפט און דער פאָרטשריט פון דער קונסט אין אַ גרויסער מאָס פון דער

שטענדיגער בערייכערונג פון איהר אינהאלט. דער עולם האט ניט ליעב דאס נייע, ווייל ער האט מורא פאר דעם. פאר'ן עולם איז דאס אן אויסדרוק פון אינדיווידואליזם, א חוצפה'דיגער אנזאג פונ'ם קינסטלער, אז ער קלויבט זיך אוים זיין אייגענעם אינהאלט און בעארבייט איהם אין זיין אייגענעם גייסט. און דער עולם איז גערעכט, וואס ער קוקט אזוי אויף קונסט. קונסט איז אינדיווידואליטעט, און אינ־דיווידואליטעט איז א שטרענגע און צושטערענדע קראפט. און טאקע דעריבער האט זי אזא אונגעהויער גרויסען ווערטה. דען שטערען וויל זי די איינפארמיגקייט פון די טיפען, די שקלאפעריי פון מנהג, די טיראניי פון געוואוינהייט און די טענדענץ צו מאכען פונ'ם לעבעדיגען מענשען א מאשין. אין קונסט נעהמט דער עולם אן וואס איז געווען אמאל, ניט ווייל זיי שעצען עס, נור ווייל זיי קענען עס ניט ענדערן. זיי שלינגען אראב זייערע קלאסיקער, ניט פיהלענדיג דעם טעם פון זיי. זיי פערליידען זיי ווי עפעס אונפערמיידליכעס, און אזוי ווי זיי קענען זיי ניט פערדארבען, באלבענען זיי כסדר ווענען זיי.

ווי מאדנע עס זאל ניט קלינגען, אדער פערקעהרט, גאר ניט מאדנע — עס הענגט אב פון איינעמס אנזיכטען — די אנערקענונג וואס די קלאסיקער קריגען, ברענגט א גרויסען שאדען. די אונקריטישע בעוואונדערונג פון דער ביבעל און פון שעקספיר'ן אין ענגלאנד איז א ביישפיעל פון דאס וואס איך מיין. וואס אנבעלאנגט דער ביבעל, האט דערביי פיעל צו זאגען די רעליגיעזע אויטאריטעט; איז דעריבער ניט נויטיג אבצושטעלען זיך לענגער אויף דעם. לאמיר אבער

נעהמען שעקספּיר'ן. עס איז קלאָר, אז דער עולם הייבט ניט אָן צו זעהען, ניט די פּראַכטפולע שטעלען, ניט די פעהלערען פון זיינע דראַמען. ווען זיי וואָלטען געזעהען די פּראַכטפולע שטעלען, וואָלטען זיי גאָר ניט געהאַט געגען דער ענטוויקלונג פון דער דראַמאַ, און ווען זיי וואָלטען געזעהען די פעהלערען, וואָלטען זיי ווידער אַמאָל גאָר ניט געהאַט געגען דער ענט־וויקלונג פון דער דראַמאַ. אין דער אמת'ן ווערען די קלאַסיקער אין די הענד פונ'ם עולם א מיטעל אָבצוהאַלטען דעם פּאָרטשריט פון דער קונסט. זיי ערנדיעריגען די קלאַסיקער צו דער מדרגה פון אויטאָריטעטען. זיי געברויכען זיי פאַר א בייטש געגען יעדען פרייען אויסדרוק פון שעהנ־הייט אין נייע פאָרמען. זיי האַלטען אין איין טענה'ן צום שרייבער, פאַר וואָס ער שרייבט ניט ווי יענער, און צום מאהלער, פאַרוואָס ער מאָהלט ניט ווי יענער, און עס פאַלט זיי גאָר ניט איין, אז אויב דער שרייבער אָדער דער מאהלער וואָלט זיי געפאָלגט, וואָלט ער אויפגעהערט צו זיין א קינסטלער. יעדע נייע פאָרם פון קונסט איז זיי אבסאָלוט צו־ווידער, און ווי נור זי בעוויזט זיך, ווערען זיי אזוי בייז און צומישט, אז זיי געברויכען אַלע מאָל צוויי דומע אויס־דריקע — איינס, אז דאָס קונסטווערק איז גאַנץ אונ־פערשטענדליך ; און צווייטענס, אז דאָס קונסטווערק איז שטאַרק אונמאָראַליש. וואָס זיי מיינען מיט די ווערטער איז, ווי מיר דאַכט, אָט דאָס. ווען זיי זאָגען אז א קונסט־ווערק איז גאַנץ אונפערשטענדליך, מיינען זיי, אז דער קינסטלער האָט געזאָגט אָדער געשאַפען א שעהנע זאַך, וואָס איז ניי ; און ווען זיי בעשרייבען א קונסטווערק אַלס שטאַרק

אונמאָראַליש, מיינען זיי, אַז דער קינסטלער האָט געזאָגט אָדער געשאַפען אַ שעהנע זאַך וואָס איז אמת. דער ערשטער אויסדרוק בעציהט זיך אויפ׳ן סטיל, דער אַנדערער — אויפ׳ן אינהאַלט. זיי געברויכען אָבער הפנים די ווערטער זעהר אונקלאָר, ווי דער געוועהנליכער גאַסען־פעבעל געברויכט די פאַרטיגע ברוקיר־שטיינער. ניטאָ קיין איין אמת׳ער דיכטער אָדער פראָזאַ־שרייבער פון הייגטיגען יאהרהונדערט, למשל, וואָס איז ניט בעעהרט געוואָרען פונ׳ם ענגלישען עולם מיט אַ דיפּלאָם פון אונמאָראַליטעט. פאַקטיש זיינען אַזעלכע דיפּלאָמען ביי אונז אין ענגלאַנד דאָס זעלבע, וואָס אין פראַנקרייך די אָפיציעלע אַנערקענונג פון דער אַקאַדעמיע, און גליקליכערווייזע מאַכען זיי אַזאַ מין אינסטיטוציע פאַר אַ גאַנץ איבריגע זאַך אין ענגלאַנד. עס פערשטעהט זיך, דער עולם איז זעהר אונפאָרזיכטיג מיט׳ן געברויך פון דעם וואָרט. דאָס וואָס זיי האָבען וואָרדסוואָרטה׳ן אָנגערופען אונמאָראַלישער דיכטער איז געווען צו ערוואַרטען. וואָרדס־וואָרטה איז געווען אַ דיכטער. אבער אַ וואונדער איז וואָס זיי האָבען טשאַרלז קינגסלעי געהאַלטען פאַר אַן אונמאָראַלי־שען נאָוועליסט. קינגסלעי׳ס פּראָזאַ איז ניט געווען פון גאָר אַ פיינעם סאָרט. עס איז אָבער פאַרהאַן אַ וואָרט, געברויכען זיי איהם אַזוי גוט ווי זיי קענען. דעם קינסטלער, נאַטירליך, אַהרט דאָס ניט. אַן אמת׳ער קינסטלער איז אַ מענש, וואָס גלויבט אַבסאָלוט אין זיך, דען ער איז אַבסאָלוט ע ר א ל י י ן. איך קען זיך אָבער פאָרשטעלען, אַז אויב אַ קינסטלער וואָלט געשאַפען אין ענגלאַנד אַ קונסטווערק, וואָס איז באַלד נאָך זיין ערשיינען אַנערקענט געוואָרען פון עולם,

דורך זיין שליח, די פּרעסע, אַלס אַ ווערק, וואָס איז גאַנץ פערשטענדליך און העכסט מאָראַליש, וואָלט ער אָנגעהויבען שטאַרק צו צווייפלען, צי איז ערווירקליך געווען ע ר א ל י י ן אין זיין ווערק און, ממילא, צי איז ניט דאָס ווערק אונווירדיג פאַר איהם, ווייל עס איז אָדער אַ גאַנץ שוואַכעס ווערק, אָדער עס האָט גאָר קיין קינסטלערישען ווערטה ניט.

אפשר בין איך ניט גערעכט געווען צום עולם, ווען איך האָב געזאָגט אז זיי געברויכען נור אַזעלכע ווערטער, ווי „אונמאָראַליש", „אונפערשטענדליך", „פרעמד" און „אונ־געזונד". פאַרהאַן נאָך אַ וואָרט ביי זיי. דאָס איז דאָס וואָרט „קרענקליך" (מאַרביד). זיי געברויכען איהם ניט אָפט. דער זין פון דעם וואָרט איז אַזוי איינפאַך, אַז זיי האָבען מורא איהם צו געברויכען. דאָך בענוצען זיי איהם מאַנכעס מאָל, און פון צייט צו צייט בעגעגענט מען איהם אין די פערשפרייטע צייטונגען. עס איז, זעלבסטפערשטענדליך, אַ לעכערליך וואָרט צו געברויכען פאַר אַ קונסטווערק. דען וואָס איז קרענקליכקייט, אויב ניט אַ געפיהל־שטימונג אָדער אַ געדאַנק־פאָרם, וואָס איינער קען ניט אויסדריקען? דער עולם איז תמיד קרענקליך, דער עולם קען פאַר קיין זאַך קיין אויסדרוק ניט געפינען. דער קינסטלער איז קיינמאָל ניט קרענקליך. ער דריקט אויס אַלסדינג. ער שטעהט אויסער דעם געגענשטאַנד פון זיין שאַפען און דערגרייכט דורך איהם אונפערגלייכליכע, קינסטלערישע עפעקטען. זאָגען, אַז דער קינסטלער איז קרענקליך ווייל ער האָט צו טהון מיט קרענקליכקייט אַלס זיין געגענשטאַנד, איז פונקט

אזוי דום, ווי זאָגען אז שעקספּיר איז געווען משוגע, ווייל ער האָט געשריבען „קעניג ליער“.

בכלל געווינט אַ קינסטלער אין ענגלאַנד דערפון, וואָס מען פאַלט אויף איהם אָן. זיין אינדיווידואַליטעט ווערט פערשטאַרקט. ער ווערט פאַלשטענדיג ע ר א ל י י ן. אמת איז, אז די אָנפאַלען זיינען זעהר גראָב, חוצפּה'דיג און שענדליך. אָבער קיין קינסטלער ריכט זיך ניט צו געפינען גראַציע ביי אַ וואולגאַרען מענשען און סטיל ביי אַ בעשרענק־טען קליינשטעטעלדיגען קאָפּ. וואולגאַריטעט און דומהייט זיינען צוויי זעהר בולט'ע ערשיינונגען אין היינטיגען לעבען. נאַטירליך, איז דאָס צום בעדויערן. אבער זיי זיינען דאָך פאַרהאַן. און מען דאַרף זיי אויספאָרשען, ווי אַלע אנדערע ערשיינונגען. און עס איז ניט מעהר ווי רעכט צו בעמערקען וועגען די היינטיגע זשורנאַליסטען, אז פּריוואַט בעטען זיי אַלעמאָל ענטשולדיגונג פאַר די אַרטיקלען וואָס זיי האָבען געגען איינק געשריבען עפענטליך.

פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר איז צו דער זעהר בעשרענק־טער צאָהל שימפּפווערטער געגען קונסט, וואָס דער עולם פערמאָגט, צוגעקומען צוויי נייע אייגענשאַפטס־ווערטער. איינס איז דאָס וואָרט „אונגעזונד“, דאָס אַנדערע איז דאָס וואָרט „פרעמד“ (עקזאָטיש). דאָס לעצטע וואָרט דריקט נור אויס דעם כעס פון'ם שוועמעל, וואָס לעבט אַ רגע, געגען דער אונשטערבליכער, בעצויבערנדער און זעלטען־ליעבליכער אָרכידעע־בלום. עס איז אַן אָבצאָהל, אָבער דער אָבצאָהל האָט קיין ווערטה ניט. דאָס וואָרט „אונגעזונד“ לוינט זיך שוין גיכער צו אַנאַליזירען. עס איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנט

ווארט. נאך מעהר, עס איז אזוי אינטערעסאנט, אז די וואס בענוצען עס, הייבען ניט אן צו וויסען וואס עס בעטייט.

וואס־זשע בעטייט עס? וואס הייסט א געזונד און וואס אן אונגעזונד קונסט־ווערק? אלע נעמען, מיט וועלכע מען בעצייכענט א קונסטווערק, אויב מען טהוט עס נאר מיט שכל, בעציהען זיך אדער אויף דעם סטיל, אדער אויף דעם אינהאלט, אדער אויףביידע צוזאמען. פון דעם שטאנדפונקט פון סטיל איז א קונסטווערק געזונד, ווען זיין סטיל זעהט איין די שעהנקייט פונ'ם מאטעריאל וואס עס געברויכט — מעג דער מאטעריאל בעשטעהען פון ווערטער אדער פון בראנז, פון פארבען אדער פון העלפאנד־ביין — און עס געברויכט די דאזיגע שעהנקייט אלס א פאקטאר ארויסצוברענגען דעם עסטעטישען עפעקט. פונ'ם שטאנדפונקט פון אינהאלט איז דאס דאזיגע קונסטווערק געזונד, וואס זיין אינהאלט איז בעשטימט פונ'ם קינסטלער'ס טעמפעראמענט און שטאמט אונמיטעלבאר פון איהם. מיט איין ווארט, א געזונד קונסט־ווערק מוז אין זיך האבען אי פאלקאמענהייט, אי אינדיווידואַ־ליטעט. געווים קען מען אין א קונסטווערק ניט אבטהיילען פארם פון אינהאלט; זיי זיינען אלעמאל איין גאנצעס. נור צוליעב דעם צוועק פון אנאליז און ניט רעכענענדיג זיך מיט דער גאנצקייט פון עסטעטישען איינדרוק, קענען מיר זיי מיט'ן שכל בעטראכטען בעזונדער. אונגעזונד איז, פון דער אנדערער זייט, דאס קונסטווערק, וואס זיין סטיל איז שרייעריש, אלטמאדיש און געמיין, און דער אינהאלט איז בכיון אויסגעטראכט, ניט ווייל דער קינסטלער האט געהאט דערפון פערגעניגען, נור, ווייל דער עולם וועט איהם

בעצאָהלען פאַר דער זאַך. און אין דער אמת'ן איז די פּאָפּולערע נאָוועלע, וואָס דער עולם האַלט פאַר געזונד, אַלע־מאָל און דורכאויס אַן אונגעזונד ווערק; און די נאָוועלע, וואָס דער עולם האַלט פאַר אונגעזונד, איז אַלעמאָל אַ שעהן און געזונד קונסטווערק.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז איך בעקלאָג זיך קיין איין רגע ניט, וואָס דער עולם און די פּרעסע מיסברויכען די ווערטער. איך קען ניט איינזעהען, ווי אזוי מענשען, וואָס האָבען קיין בעגריף ניט װעגען קונסט, זאָלען יא קענען ריכטיג געברויכען די ווערטער. איך ווייז נור אָן אויפ'ן פאַקט. זיין מקור און זין איז לייכט צו ערקלערען. עס נעהמט זיך פון דעם באַרבאַרישען בעגריף פון אויטאָריטעט. עס נעהמט זיך פון דער נאַטירליכער אונפעהיגקייט פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז פערדאָרבען דורך אויטאָריטעט, צו פערשטעהען און צו שעצען אינדיווידואַליזם. מיט איין וואָרט, עס קומט פון דער שרעקליכער און אונוויסענדער בעשעפעניש, וואָס מען רופט „עפענטליכע מיינונג", וועלכע איז גענוג שלעכט, כאָטש איהר כונה איז גוט, בעת זי זוכט צו קאָנטראָלירען האַנדלונגען, און וועלכע איז ניעדערטרעכ־טיג און פול מיט בייזע כונות, ווען זי זוכט צו קאָנטראָלירען דעם געדאַנק אָדער די קונסט.

עס איז לייכטער צו פערטהיידיגען די פיזישע מאַכט פון דעם פּובליקום, איידער די מיינונג פון פּובליקום. מאַכט קען זיין שעהן. דעם פּובליקום'ס מיינונג מוז זיין נאַריש. מען זאָגט אָפט, אַז מאַכט איז ניט קיין ארגומענט. דאָס ווענדט זיך אָבער פון דער זאַך, וואָס מען וויל בעווייזען. פיעל

וויכטיגע פראגען פון די לעצטע עטליכע יאהרהונדערטע זיינען געלייזט געוואָרען דורך פיזישע מאכט. נעהמט, צום ביי־שפּיעל, די פּערזענליכע רעגיערונג אין ענגלאנד, אָדער דעם פעאָדאליזם אין פראנקרייך. דער שטורם פון א רעוואָלוציע קען מאכען דעם עולם אויף א רגע גרויס און הערליך. עס איז געווען א פאטאלער טאָג, ווען דער עולם האָט געמאכט די ענטדעקונג, אז די פעדער האָט מעהר מאכט פון דעם ברוקיר־שטיין, און קען זיין אזוי געפעהרליך ווי א ציעגעל. זיי האָבען באלד זיך געלאָזט זוכען דעם זשורנאליסט, האָבען איהם געפונען, ענטוויקעלט, און געמאכט פון איהם א פלייסיגען און גוט־בעצאָהלטען קנעכט. עס איז א גרויסער שאדען — פאַרביידע צדדים. הינטער דער באריקאדע קען זיין פערבאָרגען פיעל עדעלקייט און העלדישקייט; אָבער וואָס איז פער־באָרגען הינטער א לייטארטיקעל א חוץ פּאַראַורטהייל, דומהייט, צבוע׳צטווע און פלאַפלעריי? און ווען אַט די פיער זיינען פעראייניגט צוזאמען, זיינען זיי א שרעקליכע מאכט און שטעלען מיט זיך פאַר די נייע אויטאָריטעט.

אמאָליגע צייטען האָבען מענשען געהאַט דעם מאַרטער־געצייג. איצט האָבען זיי די פּרעסע. א פערבעסערונג איז דאָס געוויס. אָבער נאָך אַלץ זעהר שלעכט, אונגערעכט און דעמאָראַליזירענד. אימיצער — דאכט זיך בווירק — האָט דער פּרעסע א נאָמען געגעבען „דער פיערטער שטאנד". דאָס איז אין יענע צייטען, קיין צווייפעל, געווען ריכטיג. אבער אין איצטיגען מאָמענט איז זי אין דער אמת׳ן דער איינציגער שטאנד. זי האָט איינגעשלונגען די אנדערע דריי. די וועלטליכע לאָרדען זאָגען גאָרניט, די

ג י י ס ט ל י כ ע ל אָ ר ד ע ן האָבען גאָרניט וואָס צו זאָגען, און דאָס א ו נ ט ע ר ה ו י ז האָט ניט וואָס צו זאָגען, און זאָגט עס דאָך. איבער אונז הערשט די פּרעסע. אין אַמעריקאַ רעגיערט דער פּרעזידענט פיער יאָהר, און די פּרעסע רעגיערט אימער און אייביג. אַ גליק, וואָס די אַמעריקאַנער פּרעסע איז דערגאַנגען צום גרעבסטען און ברוטאַלסטען עקסטרעם. נאַטירליך רופט עס אַרויס אַ גייסט פון מרידה. די פּרעסע אַמוזירט, אָדער רופט אַרויס עקעל, דאָס הענגט אָב פון טעמפּעראַמענט. אבער זי איז שוין ניט מעהר די אמת'ע מאַכט, ווי אַמאָל. מען נעהמט זי ניט ערנסט. אין ענגלאַנד, וואו די פּרעסע איז, אויסער אין איינינע גוט־בעקאַנטע פעלע, קיינמאָל ניט דערגאַנגען צו אַזאַ ברוטאַליטעט, האָט זי טאַקע נאָך אַלץ אַ גרויסע ווירקונג, אַן אמת־מערקווירדיגע מאַכט. די טיראַניי, וואָס זי שלאָגט פאָר אויסצואיבען איבער דעם מענשענס פּריוואַט־לעבען איז, דוכט מיר, עפּעס גאָר אויסערגעוועהנליכעס. עס איז אַ פאַקט, אז דער עולם האָט אַן אונערזעטליכען חשק צו וויסען אַלסדינג, אויסער דאָס, וואָס איז ווערטה צו וויסען. די פּרעסע וויים עס, און ווי אַלע קרעמער רעכענענדיג זיך מיט דער נאַכפראַגע, שטעלט זי צו, וואָס מען פערלאַנגט. מיט הונדערטער יאָהרען צוריק פלעגט מען צושלאָגען די אויערען פון צייטונגס־שרייבער צום פּלומפּ. דאָס איז געווען גאַנץ אַבשייליך. אינ'ם איצטיגען יאהרהונדערט האָבען צייטונגס־שרייבער אַליין צוגעשלאָגען זייערע אויערען צום שלאָס־לעבעל. דאָס איז אַ סך ערגער. און די זאַך איז נאָך מעהר פאַרדראָסיג, וואָס די גרעסטע בעלי־עולות זיינען דוקא ניט

די לייכטע זשורנאַליסטען, וועלכע ארבייטען אין די אזויגערופענע אריסטאָקראַטישע צייטונגען. דעם שאדען טהוען גראד די ערנסטע צייטונגס־שרייבער, די וואָס זיינען פעהיג צו דענקען, וועלכע קענען מיט אַן ערנסטע מינע, ווי זיי טהוען עס היינטיגען טאָג, אַרויסשלעפען פאַר די אויגען פון דעם המון עפּעס א פּאַרפאַל אין פּריוואַט־לעבען פון א גרויסען שטאַאטסמאַן אָדער א פּאָליטישען פיהרער, און איינלאָדען דעם עולם ער זאָל אַרומרעדען די מעשה, זיין דער ריכטער אין דער זאַך, זאָגען א מיינונג — און ניט נור זאָגען א מיינונג, נור אויספיהרען די מיינונג אין טהאַטען, דיקטירען איהם אין אַלע אנדערע פּונקטען, דיקטירען זיין פּאַרטיי, זיין לאַנד; דאָס הייסט, מאַכען זיך לעבערליך, אַנגרייפיג און שעדליך.

דאָס פּריוואַט־לעבען פון מענער און פרויען דאַרף ניט בעשריבען ווערען פאַר'ן עולם. דער עולם האָט לגמרי גאָרניט צו טהון דערמיט. אין פראַנקרייך פיהרט זיך אין דעם פּרט בעסער. דאָרט ערלויבען זיי ניט צו פערעפענטליכען די פּרטים פון גט־פּראָצעסען צו פערוויילען דעם עולם און געבען איהם וואָס צו קריטיקירען. דעם עולם איז נור ערלויבט צו וויסען, אַז א גט איז בעוויליגט געוואָרען אויף'ן פערלאַנג פון איינעם פוןביידע צדדים. אין פראַנקרייך בעגרענצט מען די רעכטע פון דעם זשורנאַליסט און מען גיט דעם קינסטלער כמעט פּאָלקאָמענע פרייהייט. דאָ ערלויבען מיר דעם זשורנאַליסט אַבסאָלוטע פרייהייט און בעגרענצען אין גאַנצען דעם קינסטלער. דאָס הייסט, די ענגלישע עפענטליכע מיינונג זוכט איינצוהאַלטען און שטערען און בינדען דעם

קינסטלער, וואָס שאַפט דאָס שעהנע, און צווינגט דעם ציימונגס־שרייבער צו דערצעהלען מעשיות וואָס זיינען העסליך, עקעלהאַפט, פון וועלכע מען מוז פאַקטיש אויפ־געבראַכט ווערען; און אַזוי האָבען מיר דאָ די העכסט־ערנסטע זשורנאַליסטען אין דער וועלט און די אונאַנשטענ־דיגסטע צייטונגען. עס איז ניט קיין גוזמא ווען מען רעדט וועגען צוואַנג. פאַרהאַן אפשר עטליכע צייטונגס־שרייבער, וואָס האָבען אַן אמת'ע הנאה פון די שרעקליכע מעשיות, וואָס זיי דערצעהלען, אָדער וואָס קוקען אוים אויף סקאַנדאַ־לען, ווייל זיי זיינען אָרעם און ווילען דערפון זיך מאַכען אַ פרנסה. עס זיינען אָבער דאָ, איך בין זיכער, אַנדערע צייטונגס־שרייבער, מענשען, געבילדעטע, ענטוויקעלטע, וואָס האָבען אמת פיינט אַזאַ מין שרייבעריי, וואָס ווייסען אַז עס איז אַן אונרעכט, און טהוען עס נור, ווייל די אונגעזונדע בעדינגונגען, אין וועלכער זייער פראָפעסיאָן איז אַוועק־געשטעלט, צווינגט זיי צופריעדענצושטעלען די פאָרדערונגען פונ'ם עולם און קאָנקורירען מיט די אַנדערע צייטונגס־שרייבער, געבענדיג וואָס מעהר פון דעם שטאָף און צופרידענ־שטעלען אַזוי פיעל ווי מעגליך דעם גראָבען אַפעטיט פונ'ם המון. עס איז זעהר אַן ערניעדריגענדע לאַגע פאַר געבילדעטע מענשען, און איך צווייפעל ניט, אַז די מייסטע פון זיי פיהלען עס גאַנץ שאַרף.

אָבער גענוג שוין צו רעדען דערפון, וואָס איז אייגענט־ליך די געמיינע זייט פון דער פראַגע, און לאָמיר זיך אומ־קעהרען צו דער פראַגע פון פאָלקס־קאָנטראָל אין קונסט, אונטער וועלכער איך מיין די עפענטליכע מיינונג, וואָס

דיקטירט דעם קינסטלער די פֿאָרם, וועלכע ער זאָל געברויכען, דעם וועג ווי עס צו געברויכען און די מאַטעריאַלען מיט וועלכע צו אַרבייטען. איך האָב אָנגעוויזען, אַז דעם בעסטען מזל האָבען געהאַט אין ענגלאַנד די פֿאָרמען פֿון קונסט, מיט וועלכע דער עולם אינטערעסירט זיך ניט. דער עולם אינ־טערעסירט זיך אָבער יאָ מיט דראַמאַ, און אַזוי ווי די ענגלישע דראַמאַ האָט אין די לעצטע צעהן—פֿופֿצעהן יאָהר געמאַכט אַ געוויסען פֿאָרטשריט, איז עס וויכטיג אָנצואווייזען, אַז דער דאָזיגער פֿאָרטשריט האָט אין גאַנצען צו פֿערדאַנקען אַ פּאָר איינצעלנע קינסטלער, וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט אָנצונעהמען דעם פֿאָלק׳ס געשמאַקלאָזיגקייט אַלס זייער מאַסשטאַב, און וועלכע בעטראַכטען ניט די קונסט אַלס אַ סחורה, וואָס איז אונטערוואָרפֿען דעם געזעץ פֿון אָנבאָט און נאַכפֿראַגע. וואָלט אַזאַ קינסטלער ווי אירווינג, מיט זיין וואונדערליכער און לעבהאַפֿטער פּערזענליכקייט, מיט אַ סטיל וואָס האָט ווירקליך אין זיך אַן אמת׳ע קאָליראַטור, מיט זיין אויסערגעוועהנליכער קראַפֿט, ניט נור פֿון מימיק, נור פֿון פֿאָרשטעלענדער און אינטעלעקטועלער שאַפֿונג — וואָלט אַזאַ קינסטלער אין זינען געהאַט צו געבען דעם עולם, וואָס ער פֿערלאַנגט, וואָלט ער געקענט אויפֿפֿיהרען די געמיינסטע טהעאַטער־שטיק אויפֿ׳ן געמיינסטען אופֿן, און האָבען אַזוי פֿיעל ערפֿאָלג און מאַכען אַזוי פֿיעל אוצרות געלד וויפֿיעל אַ מענש וואָלט זיך נור געקענט ווינשען. אָבער ניט דאָס איז ער אויסען געווען. זיין צוועק איז געווען צו פֿערווירקליכען זיין אייגענע פֿאָלקאָמענהייט אַלס קינסטלער, ביי געוויסע בעדינגונגען און אין געוויסע פֿאָרמען פֿון קונסט. אין אָנהויב

האָבען איהם וועניגע פערשטאַנען; מיט דער צייט האָט ער אויסגעבילדעט די פּיעֶלע. ער האָט געשאַפען ביים עולם געשמאַק און טעמפּעראַמענט. דער עולם שעצט זיין אַרטיסטישען ערפאָלג אָהן אַ שיעור. עס איז מיר אָבער אָפט אַ חדוש, צי פערשטעהט דער עולם, אַז פאַר דעם ערפאָלג האָט דער קינסטלער אין גאַנצען צו פערדאַנקען דעם פאַקט, וואָס ער האָט ניט אָנגענומען זייער מאַסשטאַב, נור ער האָט פערווירקליכט זיין אייגענעם. וואָלט ער זיי געפאָלגט, וואָלט זיין ליצעאום געווען אַ פּשוט'ער באַלאַגאַן, ווי אַ סך לאָנדאָנער פאָלקס־טהעאַטערע זיינען איצט. צי זיי פערשטעהען עס, צי ניט, זיכער איז אָבער, אַז געשמאַק און טעמפּעראַמענט זיינען, אין אַ געוויסער מאָס, בעשאַפען געוואָרען, און אַז דער עולם איז פעהיג צו ענטוויקלען אין זיך די דאָזיגע אייגענשאַפטען. די קשיא איז אַלזאָ, פאַרוואָס ווערט ניט דער עולם קולטורעלער? די פעהיגקייט דערצו האָבען זיי. וואו איז די מניעה?

די מניעה איז, ווי איך האָב שוין געזאָגט, וואָס זיי ווילט זיך הערשען איבער'ן קינסטלער און די קונסטווערק. אין געוויסע טהעאַטערע, ווי דער „ליצעאום“ און דער „הייי־מאַרקעט“ קומט דער עולם אין אַ פאַסיגער שטימונג. אין די ביידע טהעאַטערע זיינען געווען איינצעלנע שוישפּיעלער, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבען צו בעשאַפען אין זייערע בעזוכער — יעדער טהעאַטער אין לאָנדאָן האָט זיך זיינע בעזוכער — אַ קונסט־טעמפּעראַמענט. וואָס איז דאָס פאַר אַ טעמפּעראַמענט? עס איז די פעהיגקייט צו זיין עמפּפענג־ליך, רעצעפּטיוו. מעהר גאָרנישט.

אויב א מענש געהט צו צו א קונסטווערק, האבענדיג דערביי א בעגעהר צו זאגען דעות איבער'ן ווערק און איבער'ן קינסטלער, קומט ער דערצו מיט אזא גייסט, וואס לאזט איהם גארניט האבען קיין קינסטלערישען איינדרוק דערפון. דאס קונסטווערק דארף בעהערשען דעם צושויער, ניט דער צושויער דאס קונסטווערק. דער צושויער דארף זיין עמפּפענגליך. ער דארף זיין די פּיעדעל, אויף וועלכער דער מייסטער זאל שפּיעלען. און וואס מעהר ער האט בכח צו דערשטיקען זיינע אייגענע פּוסטע מיינונגען, זיינע אייגענע נארישע פאר־אורטהיילע, זיינע אייגענע נארישע בעגריפען וועגען דעם וואס קונסט דארף זיין און וואס קונסט דארף ניט זיין, אלץ מעהר שאנסען האט ער צו פערשטעהען און אבצושאצען דאס קונסטווערק, וואס ער זעהט. דאס ווארפט זיך, נאטירליך, אין די אויגען, ווען מען בעטראכט דעם וואולגארען טהעאטער־געהענדען ענגלישען עולם. עס איז אבער פּונקט אזוי ריכטיג בנוגע צו די אזוי־גערופענע געבילדעטע מענשען. דען דער געבילדעטער מענש שעפּט נאטירליך זיינע בעגריפען וועגען קונסט פון דעם, וואס קונסט איז אמאל געווען, בעת דאס נייע קונסטווערק איז שעהן גראד דערפאר, וואס עס איז עפּעס אזוינס, וואס די קונסט איז נאך ביז איצט ניט געווען. מעסטען דעם ווערטה פון קונסט מיט דעם מאסשטאב וואס די פערגאנגענהייט האט געשאפען, הייסט מעסטען זי מיט א מאסשטאב, וועלכען זי פערווארפט און איז ווירקליך פאל־קאמען נור דערפאר וואס זי פערווארפט איהם. א טעמפּעראמענט וואס איז פעהיג צו עמפּפאנגען נייע און שעהנע איינדריקע מיט דער הילף פון א פארשטעלונגס־מיטעל און

אונטער פֿאַרשטעלונגס־בעדינגונגען, איז דער איינציגער טעמפּעראַמענט, וואָס קען אָבשאַצען אַ קונסטווערק. און ווי ריכטיג דאָס איז אין דער אָבשאַצונג פון סקולפּטור און מאהלעריי, איז עס נאָך ריכטיגער אין דער אָבשאַצונג פון אַזאַ קונסט, ווי די דראַמאַ. דען אַ בילד און אַ סטאַטוע פיהרען ניט קיין קריעג מיט דער צייט. זיי רעכענען זיך ניט מיט איהר כסדר׳דיגען גאַנג. זייער איינהייט קען אומ־געפאַסט ווערען אין איין מאָמענט. אַנדערש איז מיט ליטעראַטור. דאָ מוז צייט פאַראיבערגעהן איידער די איינ־הייט פון ווירקונג קען בעגריפען ווערען. אין דער דראַמאַ קען דעריבער פאָרקומען, אַז אינ׳ם ערשטען אַקט זאָל עפּעס, וואָס האָט אַן אמת־קינסטלערישען ווערטה, ניט קלאָר ווערען פאַר׳ן צושויער ביז דעם דריטען אָדער פיערטען אַקט. דאַרף דען דער נאַרישער מענש אין כעס ווערען, מאַכען אַ טומעל, שטערען די פאָרשטעלונג און בעליידיגען די אַרטיסטען? ניין. דער אַנשטענדיגער מענש דאַרף זיצען רוהיג און מיט ענטציקונג איבערלעבען די געפיהלען פון בעוואונדערונג, נייגיעריגקייט און ערוואַרטונגספולער אונזיכערהייט. ער דאַרף ניט קומען אין טהעאַטער צו פערליערען אויף אַ וואול־גאַרען אופן די געדולד. ער דאַרף געהן דאָרט צו בעגרייפען אַן אַרטיסטישען טעמפּעראַמענט. ער דאַרף געהן כדי אליין צו קריגען אַן אַרטיסטישען טעמפּעראַמענט. ער איז ניט דער ריכטער פונ׳ם קונסטווערק. איהם איז נור ערלויבט צו פערטיעפען זיך אינ׳ם קונסטווערק, און אויב דאָס ווערק איז שעהן, צו פערגעסען, אין דער פערטיעפונג, דעם עגאָאיזם, וואָס פערדאַרבט זיין נשמה — דעם עגאָאיזם פון זיין אונ־

וויסענהייט, אָדער דעם עגאָאיזם פון זיין וויסען. אָט דער פּונקט וועגען דער דראַמאַ, גלויב איך, ווערט קוים גענוג אנערקענט. איך שטעל מיר פאָר, אז אויב „מאַקבעטה“ וואָלט אויפגעפיהרט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין א היינטיגען לאָנדאָנער טעאַטער, וואָלטען פיעלע געווען שטאַרק דאַגעגען דער סצענע מיט די מכשפות אינ׳ם ערשטען אקט, מיט זייערע משונה׳דיגע פראַזען און לעכערליכע ווערטער. אָבער אַם ענדע פון דער פאָרשטעלונג דערוויסט מען זיך, אז דער געלעכטער פון די מכשפות אין „מאַקבעטה“ איז אזוי שרעקליך, ווי דער געלעכטער פון משוגעת אין „קעניג ליער“, שרעקליכער פון יאַגאָ׳ס געלעכטער אין „אָטהעללאָ“. קיין איין קונסט פאָרדערט ניט פון א מענשען ער זאָל זיין אזוי עמפּפענגליך, ווי די דראַמאַ. אין דער רגע, ווען איינער הויבט אָן צו זאָגען דעות, ווערט ער אַן אָפענער שונא פון דער קונסט און פון זיך אליין. דער קונסט אהרט דאָס ניט. ליידען וועט ער.

דאָסזעלבע איז מיט דער נאָוועלע. די אויטאָריטעט פונ׳ם פאָלק און די אנערקענונג פון דער דאָזיגער אויטאָריטעט זיינען פאר איהר געפעהרליך. טהאַקעריי׳ס „עסמאָנד“ איז א פראַכטפול קונסטווערק, ווייל ער האָט עס געשריבען פון זיין אייגענעם פערגעניגען וועגען. אין זיינע אנדערע נאָוועלען, ווי „פענדעניס“, „פיליפּ“, און אָפטמאָל אפילו אין „וואַניטי פעיר“ האָט ער צופיעל אין זינען דעם עולם, און פערדאַרבט זיין ווערק דורך זיין אונמיטעלבאַרען ווענדען זיך צו דעם לעזער׳ס סימפּאַטהיע ,אָדער דורך זיין אונמיטעל־באַרען אָבלאַכען פון איהם. אַן אמת׳ער קינסטלער רעכענט

זיך לחלוטין גאָר ניט מיט'ן עולם. דער עולם עקזיסטירט ניט פאַר איהם. ער האָט ניט קיין מאַהן־קיכלעך אָדער האָניג־קיכלעך צו פערשלעפערן אָדער אָנקאָרמען די ווילדע חיה. דאָס לאָזט ער איבער פאַר די פּאָפּולערע נאָוועליסטען. מיר האָבען איצט אין ענגלאַנד אַן אונפערגלייכליכען נאָוועליסט, דזשאָרדזש מערעדיטה. פאַרהאַן בעסערע קינסטלער אין פראַנקרייך. אבער קיינער פון זיי האָט ניט אַזאַ ברייטען, פיעלפאַרביגען, קינסטלעריש־אמת'ן קוק אויפ'ן לעבען. פאַרהאַן ערצעהלער אין רוסלאַנד, וואָס האָבען אַ לעבעדיגען געפיהל פאַר דער ראָלע פון ליידען אין בעלעטריסטיק. מערעדיטה איז אָבער דער פילאָזאָף אין בעלעטריסטיק. ניט נור לעבען זיינע העלדען, נור זיי לעבען אין דער וועלט פון געדאַנקען. מען קען זיי זעהן פון אונצעהליגע שטאַנדפּונקטען. זיי רופען ארויס געדאַנקען. פאַרהאַן נשמה אין זיי און ארום זיי. זיי זיינען סימבאָלען, פול פירושים און רמזים. און דער, וואָס האָט זיי בעשאַפען, — אָט די וואונדערבאַרע זיך שנעל־בעוועגענדע געשטאַלטען,— האָט זיי בעשאַפען פאַר זיין אייגענעם פערגעניגען, און קיינמאָל ניט געפרעגט דעם עולם, וואָס ער וויל, קיינמאָל זיך ניט אינטערעסירט צו וויסען, וואָס ער וויל, קיינמאָל ניט ערלויבט דעם עולם, ער זאָל איהם דיקטירען אָדער אויף וועלכען־ניט־איז אופן ווירקען אויף איהם ; נור ער האָט געהאַלטען אין איין פערשטאַרקען זיין אייגענע פערזענליכקייט, און שאַפען זיינע אייגענע אינדיווידועלע ווערק. פון אָנהויב איז ער געשטאַנען איינער אליין. דאָס האָט איהם ניט געאַרט. דאַן זיינען געקומען צו איהם די וועניגע. דאָס האָט איהם ניט געמאַכט

אנדערש. איצט זיינען געקומען די פיעלע. ער איז אלץ דערזעלבער. ער איז אן אונפערגלייכליכער נאָוועליסט.

מיט דער דעקאָראַטיווער קונסט איז אויך ניט אנדערש. דער עולם האָט זיך געהאַלטען מיט א ווירקליך ריהרענדער איינגעשפּאַרטקייט אָן די דירעקטע טראַדיציעס, ווי איך מיין, פון דער גרויסער אויסשטעלונג פון אינטערנאַציאָנאַלער וואולגאַריטעט — טראַדיציעס, וועלכע זיינען געווען אזוי שרעקליך, אז די הייזער, אין וועלכע מענשען האָבען געוואוינט, האָבען געפּאַסט נור פאַר בלינדע צו וואוינען דאָרט. מען האָט אָנגעהויבען צו מאַכען שעהנע זאַכען, שעהנע פאַרבען זיינען אַרוים פון'ם פאַרבער'ס האַנד, שעהנע צייכנונגען—פון'ם קינסטלער'ס קאָפּ און מ'האָט אָנגעהויבען אומעטום רעדען וועגען דעם ווערטה און בעדייטונג פון דאָס שעהנע. דער עולם איז געוואָרען אויף אן אמת'ן שטאַרק אויפגעבראַכט. ער האָט פערלוירען די געדולד. ער האָט געערדט נאַרישקייטען. נור עס האָט קיינעם ניט געאַרט. קיינער איז דערפון א האָר ניט ערגער געוואָרען. קיינער האָט ניט אָנערקענט די אויטאָריטעט פון דער עפענטליכער מיינונג. און איצט קענט איהר כמעט ניט אריינגעהן אין א מאָדערן הויז, וואו איהר זאָלט ניט בעגעגענען וויפיעל־ניט־איז אנערקענונג פון א גוטען געשמאַק, עפּעס אן אנערקענונג פון דעם ווערטה פון א ליעבליכער אומגעבונג, עפּעס א צייכען פון אָבשעצען דאָס שעהנע. היינטיגע צייטען זיינען די הייזער בכלל גאַנץ שעהנע. מענשען זיינען געוואָרען אין א גאַנץ גרויסען ערך קולטורעל. עס איז אָבער ניט מעהר ווי רעכט צו בעמערקען, אז דער אויסערגעוועהנליכער ערפאָלג

פון דער רעוואָלוציע אין הויז־דעקאָראַציע, מעבלירונג און דערגלייכען, איז אין דער ווירקליכקייט ניט געקומען דערפון וואָס די מאַיאָריטעט פונ'ם עולם האָט ענטוויקעלט אַ זעהר פיינעם געשמאַק אין די דאָזיגע זאַכען. די רעוואָלוציע האָט דער עיקר צו פערדאַנקען דעם פאַקט, וואָס די האַנד־ווערקער האָבען אַזוי פיעל געשעצט דאָס פערגעניגען פון מאַכען שעהנע זאַכען און האָבען אַזוי שטאַרק און לעבעדיג דערפיהלט די מאוסקייט און וואולגאַריטעט פון דעם, וואָס דער עולם האָט פערלאַנגט, אַז זיי האָבען איהם פשוט אויס־געהונגערט. איצט איז גאַנץ אונמעגליך צו מעבלירען אַ צימער, ווי מען פלעגט מעבלירען צימערען מיט אַ פּאָר יאהר צוריק, סיידען מען זאָל זיין אַ בעלן צו קויפען פון אויקציאָן אָבגעניצטע מעבעל פון עפּעס אַ דריט־קלאַסיגער אכסניא. אַזעלכע זאַכען ווערען איצט מעהר ניט געמאַכט. וויפיעל זיי זאָלען ניט אויסזעצען געגען דעם, מוז דאָך יעדער איינער האָבען היינטיגע צייטען עפּעס שעהנס אין זיין אומגעבונג. צום גליק איז דעם עולם'ס פּרעטענזיע אויף אויטאָריטעט אין אָט די קונסטזאַכען אין גאַנצען דורכגעפאַלען.

עס איז קלאָר, אַלזאָ, אַז יעדע אויטאָריטעט אין אַזעלכע ענינים איז אַ שלעכטע זאַך. אָפּטמאָל פרעגט מען וואָס פאַר אַ רעגיערונגס־פאָרם איז די בעסטע פאַר'ן קינסטלער. דערויף איז פאַרהאַן נור איין ענטפער. פאַר'ן קינסטלער איז די בעסטע רעגיערונגס־פאָרם — גאָר קיין רעגיערונג ניט. אויטאָריטעט איבער'ן קינסטלער און זיין קונסט איז לעכער־ליך. מען זאָגט אַז אונטער'ן דרוק פון דעספּאָטיזם האָבען קינסטלער געשאַפען שעהנע ווערק. דאָס איז ניט אינגאַנצען

ריכטיג. קינסטלער פלעגען זיך בעווייזען אין דעספאָט'ס הויף, ניט אַלס אונטערטאַנען, איבער וועלכע מען זאָל טיראַניזירען, נור אַלס וואַנדערנדע כשוף־מאַכער, אַלס בעצויבערנדע וואַגאַבונדען, וואָס מען דאַרף זיי פערוויילען, אָנטהון פערגעניגען און געבען די פרייהייט צו שאַפען. צו גונסטען פון דעם דעספאָט קען מען זאָגען, אז ער, זייענדיג אַן אינדיווידום, קען האָבען קולטור, בעת אבער דער פעבעל, זייענדיג אַן אונגעהייער, האָט קיין קולטור ניט. אַ קייזער און קעניג קען זיך אַמאָל איינבויגען אויפצוהייבען אַ פּינזעל פאַר'ן קינסטלער; ווען די דעמאָקראַטיע אָבער בויגט זיך איין, טהוט זי עס נור כדי צו וואַרפען בלאָטע. און דאָך דאַרף די דעמאָקראַטיע, דאַכט זיך, גאָר ניט אזוי טיעף זיך איינבויגען, ווי דער קייזער. אין דער אמת'ן ווען זי וויל וואַרפען בלאָטע, דאַרף זי זיך גאָר ניט איינבויגען. אבער עס איז גאָר ניט נויטיג צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען מאָנאַרך און פעבעל, יעדע אויטאָריטעט איז גלייך שלעכט.

פאַרהאַן דריי מינים דעספאָטען. איינער טיראַניזירט איבער דעם קערפער; דער אַנדערער — איבער דער נשמה; דער דריטער טיראַניזירט איבער קערפער און נשמה צוזאַמען. דער ערשטער הייסט קעניג; דער צווייטער —— פּאַפּסט; דער דריטער — דאָס פאָלק. דער קעניג קען זיין אַ קולטור־מענש. פיעלע קעניגע זיינען עס געווען. דאָך איז אַ קעניג געפעהרליך. מען דערמאָנט זיך אָן דאַנטע אין וועראָנאַ אָדער אָן טאַססאָ אין פעררארא'ס משוגעים־קאַמער. עס איז בעסער פאַר'ן קינסטלער ניט צו וואוינען מיט קעניגע. דער פּאַפּסט קען זיין אַ קולטור־מענש. פיעלע פּאַפּסטען זיינען

עס געווען. די שלעכטע פּאַפּסטען זיינען עס געווען. די שלעכטע פּאַפּסטען האָבען ליעב געהאַט דאָס שעהנע כמעט אַזוי ליידענשאַפטליך, אָדער ריכטיגער, מיט דערזעלבער ליידענשאַפט, מיט וועלכער די גוטע פּאַפּסטען האָבען געהאַסט דעם פרייען געדאַנק. די מענשהייט איז פיעל פערפליכטעט דער שלעכטיגקייט פונ'ם פּאַפּסטהום. די גוטסקייט פונ'ם פּאַפּסטהום איז שולדיג אַ שרעקליכען חוב דער מענשהייט. און דאָך, כאָטש דער וואַטיקאַן איז געבליבען בלויז ביי דער מליצה פון זיינע דונערען און האָט פערלוירען דעם שטעקען פון זיינע בליצען, איז בעסער פאַר'ן קינסטלער ניט צו וואוינען מיט פּאַפּסטען. אַ פּאַפּסט האָט אַמאָל געזאָגט וועגען טשעליני צו דער פערזאַמלונג פון קאַרדינאַלען, אַז די געוועהנליכע געזעצען און די געוועהנליכע אויטאָריטעט זיינען ניט געמאַכט פאַר אַזאַ מענשען, ווי ער; אָבער אַנאַנדער פּאַפּסט האָט דעמזעלבען טשעליני אריינגעוואָרפען אין תפיסה און האָט איהם געהאַלטען פערשפּאַרט אַזוי לאַנג, ביז ער איז קראַנק געוואָרען פון ווילדען צאָרן, און האָט זיך געמאָהלט פאַנטאַסטישע בילדער, האָט געזעהן, ווי די בעגיל־דעטע זון בעוויזט זיך אין זיין קאַמער, און האָט זיך אַזוי פערליעבט אין איהר, אַז ער האָט זיך געלאָזט לויפען, געקלעטערט פון טויער צו טויער און, אַראָבפאַלענדיג פון אַ שווינדעלדיגער הויך, צוקאַליעטשעט זיך; אַ וויין־גערטנער האָט איהם אויפגעהויבען, בעדעקט מיט ווינשטאָק־בלעטער און אוועקגעפיהרט צו איינעם, וואָס האָט געזאָרגט פאַר איהם, אויס ליעבע צו שעהנהייט. פּאַפּסטען זיינען געפעהרליך.

און דאָס פאָלק — ווי האַלט עס מיט איהם און זיין

אויטאָריטעט? וועגען פאָלק און זיין אויטאָריטעט איז שוין אפשר גענוג גערעדט געוואָרען. זיין אויטאָריטעט איז עטוואָס וואָס איז בלינד, טויב, גרויליך, משונה'דיג, טראגיש, לעבערליך, ערנסט און מנוול'דיג. ס'איז אונמעגליך פאר'ן קינסטלער צו לעבען מיט'ן פאָלק. אַלע דעספּאָטען קויפען אונטער. דאָס פאָלק קויפט אונטער און ברוטאַליזירט. ווער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפען הערשען? זיי זיינען געבוירען געוואָרען צו לעבען, צו הערען און צו ליעבען. אימיצער האָט זיי א גרויסע עולה געטהאָן. זיי האָבען פערדאָרבען זייער געשטאַלט, נאָכמאַכענדיג די, וואָס זיינען ניעדריגער פון זיי. זיי האָבען זיך גענומען דעם קעניג'ס רוט. וואָס זאָלען זיי מיט איהם טהאָן? זיי האָבען זיך גענומען דעם דרייפאַכען קרוין פון'ם פאַפּסט. ווי זאָלען זיי אויסהאַלטען די לאַסט? זיי זיינען געגליכען צו א קלאָון מיט א צובראָכען הארץ. זיי זיינען געגליכען צו א פּריסטער מיט א נאָך ניט געבוירענער נשמה. זאָלען אַלע, וואָס האָבען ליעב שעהנהייט, זיי בעדויערען. און זאָלען זיי אליין, כאָטש זיי האָבען ניט ליעב קיין שעהנהייט, זיך בעדויערען. ווער האָט זיי געלערענט דעם ביטרען קונץ פון טיראַניי?

פאַראַן נאָך א סך זאַכען, אויף וועלכע מען קען אָנווייזען. מען קען אָנווייזען, אַז די רענעסאַנס איז געווען גרויס, ווייל זי האָט ניט געשטרעבט צו לייזען קיין שום סאָציאַלע פראגע און האָט זיך גאָר ניט אינטערעסירט מיט אַזעלכע ענינים, נור זי האָט געלאָזען דעם יחיד זיך ענטוויקלען פריי, שעהן און נאַטירליך און האָט דעריבער געהאַט גרויסע און אינדיווידועלע קינסטלער, גרויסע און אינדיווידועלע מענשען.

מען קען אָנווייזען, אז לואי דער 14טער, בעשאַפענדיג דעם מאָדערנעם שטאַאט, האָט צושטערט די אינדיווידואַליטעט פונ'ם קינסטלער און האָט געמאַכט זאַכען, וואָס דערשרעקען מיט דער איינאַרטיגקייט פון זייער ווידערהאָלונג, און וואָס זיינען שענדליך דורך זייער פאָלגען דעם טויטען רעגעל. ער האָט אַ תל געמאַכט אין גאַנץ פראַנקרייך פון די אַלע שעהנע פרייהייטען פון אויסדרוק, וואָס האָבען די אַלטע טראַדיציעס בענייט אין שעהנהייט און צונויפגעגאָסען די נייע פאָרמען מיט די אַלטערטהימליכע. אָבער די פערגאַנגענהייט האָט קיין בעדייטונג ניט, די געגענוואַרט האָט קיין בעדייטונג ניט. מיר דאַרפען האָבען אין זינען נאָר די צוקונפט. דען די פערגאַנגענהייט איז דאָס, וואָס מענשען האָבען ניט געזאָלט זיין. די געגענוואַרט איז דאָס, וואָס מענשען דאַרפען ניט זיין. די צוקונפט איז דאָס, וואָס קינסטלער זיינען.

מען וועט, פערשטעהט זיך, זאָגען, אַז אַזאַ פּלאַן איז גאַנץ אונפּראַקטיש און איז געגען דער מענשליכער נאַטור. דאָס איז אין גאַנצען אמת. ער איז אונפּראַקטיש און איז געגען דער מענשליכער נאַטור. דערפאַר טאַקע איז ער ווערטה פערווירקליכט צו ווערען, און דערפאַר לעג איך איהם פאָר. דען וואָס איז אַ פּראַקטישער פּלאַן? אַ פּראַקטישער פּלאַן איז אָדער אַזאַ פּלאַן, וואָס איז שוין פערווירקליכט געוואָרען, אָדער וואָס קען פערווירקליכט ווערען ביי די עקזיסטירענדע בעדינגונגען. אָבער גראַד געגען די עקזיסטירענדע בעדינגונגען טרעט איך דאָך אַרויס; און יעדער פּלאַן, וואָס שטיצט זיך אויף די עקזיסטירענדע בעדינגונגען, איז פאַלש און נאַריש.

די בעדינגונגען וועלען אָבגעשאַפט ווערען, און די מענשליכע נאַטור וועט זיך ענדערען. די איינציגע זאַך וואָס מען ווייס אין דער אמת'ן וועגען דער מענשליכער נאַטור איז, אַז זי ענדערט זיך. ענדערונג איז די איינציגע אייגענשאַפט, וואָס מען קען איהר צושרייבען. עס פאַלען דורך די סיסטעמען, וואָס שטיצען זיך אויף דער בעשטענדיגקייט פון דער מענש־ליכער נאַטור, און ניט אויף איהר וואוקס און ענטוויקלונג. לויט דעם פערצעהנטען'ס טעות איז געווען, וואָס ער האָט געמיינט אַז די מענשליכע נאַטור בלייבט תמיד די זעלבע. דער רעזולטאַט פון זיין טעות איז געווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. אַ הערליכער רעזולטאַט! אַלע רעזולטאַטען פון די טעות'ן, וואָס די רעגיערונגען מאַכען, זיינען הערליכע.

מען דאַרף בעמערקען, אַז דער אינדיווידואַליזם קומט ניט צו מענשען מיט קרענקליך צבוע'צקע רייד וועגען פליכט, וואָס בעטייט ניט מעהר ווי טהאָן דאָס, וואָס אַנדערע ווילען, ווייל אַזוי ווילען זיי; אָדער מיט אַ העסליכער צבוע'צטווע וועגען זעלבסט־אויפאָפּפערונג, וואָס איז ניט מעהר ווי אַן איבערלעבונג פון דעם ווילדען מנהג צו קאַליעטשען דעם קערפּער. אין אמת'ן קומט דער אינדיווידואַליזם איבערהויפּט ניט צום מענשען מיט טענות. ער קומט אַרויס נאַטירליך און אונפערמיידליך פונ'ם מענשען גופא. ער איז דער פּונקט, צו וועלכען די גאַנצע ענטוויקלונג ציעלט. עס איז די דיפער־רענצירונג, צו וועלכער אַלע אָרגאַניזמען דערוואַקסען. עס איז די פאָלקאָמענהייט, וואָס איז אייגעטהימליך יעדער פאָרם פון לעבען, און צו וועלכער יעדע פאָרם פון לעבען שטרעבט. דער אינדיווידואַליזם טהוט, הייסט עס, קיין שום צוואַנג דעם

מענשען. אדרבא, ער זאָגט דעם מענשען ער זאָל ניט דערלאָזען קיין שום צוואַנג איבער זיך. ער וויל ניט נויטען מענשען גוט צו זיין. ער ווייס, אַז מענשען זיינען גוט, ווען מען לאָזט זיי צו רוה. דער מענש וועט ענטוויקלען דעם אינדיווידואַליזם פון זיך אַליין. שוין איצט ענטוויקעלט ער אָט אַזוי דעם אינדיווידואַליזם. פרעגען צי איז דער אינדיווידואַליזם פּראַקטיש, איז פּונקט ווי מען זאָל פרעגען צי עוואָלוציאָן איז פּראַקטיש. עוואָלוציאָן איז דאָס געזעץ פון לעבען, און עס איז ניטאָ קיין אַנדער עוואָלוציאָן, אויסער צום אינדיווידואַליזם. וואו עס ווערט ניט אויסגעדריקט אָט די טענדענץ, איז עס אַ פאַל פון קינסטליך־אָבגעשטעלטען וואוקס, אָדער פון קראַנקהייט, אָדער פון טויט.

דער אינדיווידואַליזם וועט אויך זיין עגאָאיסטיש און אונאַפעקטירט. עס איז אָנגעוויזען געוואָרען, אַז איינער פון די רעזולטאַטען פון דער אויסערגעוועהנליכער טיראַניי פון אויטאָריטעט איז, וואָס די ווערטער ווערען אַבסאָלוט פערדרעהט פון זייער אמת'ער און איינפאַכער מיינונג און ווערען געברויכט אויסצודריקען דעם היפך פון זייער ריכטיגער בעדייטונג. וואָס עס איז אמת וועגען דער קונסט, איז אמת וועגען לעבען. היינטיגע צייטען זאָגט מען אויף אַ מענשען, אַז „ער מאַכט זיך", ער איז אַפעקטירט, אויב ער קליידט זיך אָן לויט זיין אייגענעם געשמאַק נאָך. אָבער דער וואָס טהוט דאָס, האַנדעלט גראַד גאַנץ נאַטירליך. אין אַזעלכע זאַכען וואָלט אַפעקטירען הייסען — זיך קליידען לויט די מיינונגען פון זיינע נאַכבאַרען, און זייערע מיינונגען, אַזוי ווי זיי זיינען די מיינונגען פון דער מאַיאָריטעט, זיינען מסתמא זעהר

נאריש. אָדער מען רופט אַ מענשען עגאָאיסטיש, אויב ער לעבט אויף אַן אופן, וואָס איהם דוכט זיך, אַז ער איז דער פּאַסענדסטער פאַר דער פאָלשטענדיגער פערווירקליכונג פון זיין פּערזענליכקייט, אויב ער האָט די זעלבסט־ענטוויקלונג זיך ווירקליך געשטעלט פאַר דעם הויפּט־ציעל פון זיין לעבען. אָבער אזוי דאַרף דאָך לעבען יעדער איינער. עגאָאיסטיש איז ניט ווען מען לעבט ווי מען וויל, נור ווען מען פאָדערט פון אַנדערע, זיי זאָלען לעבען ווי דו און ניט ווי זיי ווילען. אונ־עגאָאיסטיש איז — לאָזען אַנדערע מענשען צו רוה, ניט אריינמישען זיך אין זייערע עסקים. עגאָאיזם שטרעבט שטענ־דיג צו שאַפען ארום זיך אַ פאָלשטענדיגע איינפאָרמיגקייט פון טיפּען. ניט־עגאָאיזם אַנערקענט די אונענדליכע פער־שיעדענאַרטיגקייט פון טיפּען אַלס אַ פּראַכטפולע זאַך, און איז עס מקבל באהבה, שטעלט זיך צופריעדען דערמיט, האָט אַ נחת־רוח דערפון. עס איז ניט עגאָאיסטיש, ווען אַ מענש דענקט פאַר זיך. אַ מענש, וואָס דענקט ניט פאַר זיך, דענקט נאָר אין גאַנצען ניט. עס איז גראָב עגאָאיסטיש צו פאָדערען פון אַן אַנדערען, ער זאָל דענקען, ווי דו דענקסט און האָבען דיינע מיינונגען. פאַר וואָס זאָל ער עס טהאָן? אויב ער קען דענקען, וועט ער, מסתמא, דענקען אַנדערש. אויב ער קען ניט דענקען, איז עס משונה ווילד צו פאָדערען פון איהר אירגענד וועלכען געדאַנק. אַ רויטע ראָזע איז ניט עגאָאיס־טיש, דערפאַר וואָס זי וויל זיין אַ רויטע ראָזע. עס וואָלט געווען שרעקליך עגאָאיסטיש פון איהר זייט, ווען זי וואָלט פערלאַנגט, אַז אַלע בלומען אין גאָרטען זאָלען זיין רויטע ראָזען.

אין אַ געזעלשאַפט וואָס וועט זיין געבויט אויף אינ־
דיווידואַליזם, וועלען מענשען זיין אין גאַנצען נאַטירליך און
אַבסאָלוט אונעגאָאיסטיש; זיי וועלען וויסען די בעדייטונג פון
ווערטער און וועלען זיי פערווירקליכען אין זייער פרייען,
שעהנעם לעבען. מענשען וועלען ניט זיין אַזוי עגאָאיסטיש,
ווי זיי זיינען איצט. דען דער עגאָאיסט האָט טענות צו יענעם,
און דער אינדיווידואַליסט וועט עס ניט טהאָן. דאָס וועט איהם
ניט פערשאַפען קיין פערגעניגען. פערווירקליכענדיג דעם
אינדיווידואַליזם, וועט דער מענש אויך פערווירקליכען די
געפיהלען פון סימפאַטיע, און פריי און נאַטירליך זיי אויס־
איבען אין לעבען. ביז צום היינטיגען טאָג האָבען די מענשען
כמעט גאָר ניט קולטיווירט די געפיהלען פון סימפּאַטיע.
זיי זיינען פעהיג צו סימפּאַטיזירען מיט ליידען, און דאָס
איז ניט די העכסטע פאָרם פון סימפּאַטיע. יעדע סימפּאַטיע
איז שעהן, אָבער די סימפּאַטיע מיט ליידען איז די וועניגסט־
שעהנע פאָרם פון מיטגעפיהל. זי איז בעפלעקט מיט עגאָאיזם.
זי קען לייכט ווערען קרענקליך. עס געפינט זיך אין איהר אַ
געוויסער עלעמענט פון מורא פאַר דער אייגענער זיכערהייט.
מיר האָבען מורא, אַז מיר אַליין קענען ווערען ווי דער
קרעציגער אָדער דער בלינדער, און קיינער וועט פאַר אונז
דאַן ניט זאָרגען. דערצו איז עס אויך אַ זאָנדערבאַר בעגרע־
נעצט געפיהל. סימפּאַטיזירען דאַרף מען מיט'ן גאַנצען סכום
פון לעבען; ניט נור מיט די וואונדען און קראַנקהייטען פון
לעבען, נאָר אויך מיט'ן לעבענ'ס פריידען, מיט זיין שעהנ־
הייט און ענערגיע און געזונד און פרייהייט. אָט די ברייטערע
סימפּאַטיע איז, פערשטעהט זיך, שווערער. דערצו דאַרף מען

זיין מעהר אונענאאיסטיש. יעדער איינער קען סימפּאַטיזירען מיט די ליידען פון אַ פריינד, אָבער עס פאָדערט זיך אַ זעהר איידעלע נאַטור — יא, מען דאַרף האָבען די נאַטור פון אַן אמת׳ן אינדיווידואַליסט — צו סימפּאַטיזירען מיט דעם פריינד׳ס ערפאָלג. אין דער היינטיגער אָנגעשטרענגטער קאָנ־קורענץ און קאַמפּף פאַר אַ שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, איז אַזאַ מיטגעפיהל, נאַטירליך, זעלטען; דערצו ווערט עס אויך אַ היבש ביסעל פערשטיקט דורך דעם אונמאָראַלישען אידעאַל פון איינפאָרמיגקייט און איינשטימונג צום כלל — אַן אידעאַל וואָס איז אַזוי פיעל פערשפּרייט איבעראַל, און איז אפשר שעדליכער ווי אומעטום, אין ענגלאַנד.

די סימפּאַטיע מיט ליידען וועט נאַטירליך קיינמאָל ניט פערשווינדען. עס איז איינער פון די ערשטע אינסטינקטען פונ׳ם מענשען. די חיות, וואָס זיינען אינדיווידועל, דאָס הייסט, די העכערע חיות, האָבען אויך דעם אינסטינקט גלייך ווי מיר. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז בעת וואָס די סימ־פּאַטיע מיט פרייד און גליק פערגרעסערט די סומע פון פרייד אויף דער וועלט, פערקלענערט ניט די סימפּאַטיע מיט ליידען די מאָס פון די ליידען. עס קען מאַכען גרינגער פאַר׳ן מענשען איבערצוטראָגען דאָס בייזע, אָבער דאָס בייזע בלייבט. מיט־געפיהל מיט דעם שווינדזיכטיגען היילט ניט דעם שווינד־זיכטיגען. דאָס טהוט די וויסענשאַפט. ווען דער סאָציאַליזם וועט לייזען די פראַגע פון אָרעמקייט און די וויסענשאַפט — די פראַגע פון קראַנקהייט, וועט קלענער ווערען דער רוים פון דער גוטהערציגקייט פון דעם סענטימענטאַלען, און די מענ־שען׳ס סימפּאַטיע וועט זיין ברייט, געזונד און נאַטירליך.

דער מענש וועט האָבען נחת קוקענדיג אויף דעם פריידיגען לעבען פון די אָרומיגע.

דען דורך פרייד וועט זיך ענטוויקלען דער אינדיווידוא־ליזם פון דער צוקונפט. קריסטוס האָט ניט פּרובירט איבער־בויען די געזעלשאַפט, און ממילא האָט דער אינדיווידואַליזם וואָס ער האָט געפּרעדיגט געקענט פערווירקליכט ווערען נור אין פּיין און איינזאַמקייט. די אידעאַלען, וואָס מיר האָבען צו פערדאַנקען קריסטוס'ען, זיינען די אידעאַלען פון א מענ־שען, וואָס פערלאָזט אין גאַנצען די געזעלשאַפט, אָדער פון א מענשען, וואָס שטעלט זיך פאַלשטענדיג געגען דער געזעל־שאַפט. אָבער דער מענש איז בטבע געזעלשאַפטליך. אפילו טהעבאַאידע איז בעפעלקערט געוואָרען סוף כל סוף. און כאָטש דער נזיר פערווירקליכט זיין פערזענליכקייט, איז עס אָפט א פעראָרעמטע פערזענליכקייט, וואָס ער פערווירקליכט. די שרעקליכע וואַרהייט, פון דער אַנדערער זייט, אַז ליידען איז אַ פאָרם, דורך וועלכע אַ מענש קען פערווירקליכען זיין פערזענליכקייט, איבט אויס אַ וואונדערליך־בעצויבערענדע ווירקונג אויף דער וועלט. פלאַכע רעדנער און פלאַכע דענקער, אויפ'ן בעלעמער ווי אויפ'ן פלאַטפאָרם, ריידען אָפט אַנט־קעגען דעם וואָס די וועלט איז פערטהאָן אין תענוגים, און יאָמערען דעריבער. אָבער אין דער געשיכטע טרעפט זיך זעלטען, אַז דעם מענשענ'ס אידעאַל זאָל געוועזען זיין פרייד און שעהנהייט. דער קולט פון ליידען האָט פיעל אָפטער גע־הערשט איבער דער וועלט. דער מיטעלאַלטער מיט זיינע הייליגע און מאַרטירער, מיט זיין ליעבע פאַר זעלבסט־פייניגונג, זיין ווילדער ליידענשאַפט צו קאַליעטשען דעם

גוף, זיך שניידען מיט מעסערס און שמייסען זיך מיט בייטשען — דער מיטעלאַלטער איז דאָס אמת'ע קריסטענטהום, און דער מיטעלאַלטערליכער קריסטוס איז דער אמת'ער קריסטוס. ווען די רענעסאַנס האָט אויפגעשיינט און האָט געבראַכט מיט זיך נייע אידעאַלען פון לעבענס־שעהנהייט און לעבענס־פרייד, האָבען די מענשען ניט געקענט פערשטעהן קריסטוס'ען. דאָס זעהען מיר אפילו אין דער קונסט. די רענעסאַנס־קינסטלער האָבען געמאָהלען קריסטוס'ען אַלס אַ קליינעם אינגעל, וואָס שפּיעלט זיך מיט אַן אַנדער אינגעל אין אַ פּאַלאַץ אָדער אַ גאָרטען, אָדער ווי ער ליעגט אין דער מוטער'ס אָרעמס, קוקענדיג מיט אַ שמייכעל אויף איהר, אָדער אויף אַ בלום, אָדער אַ שעהנעם פויגעל; אָדער זיי האָבען איהם פאָרגע־שטעלט אַלס אַן איידעלע, מאַיעסטעטישע געשטאַלט, וואָס בעוועגט זיך אויף אַ נאָבעלען אופן איבער דער וועלט; אָדער אַלס אַ וואונדערבאַרע געשטאַלט, וואָס ערהויבט זיך אין אַ מין עקסטאַז פון טויט צום לעבען. אפילו ווען זיי מאָהלען איהם אַ געקרייציגטען, מהאָלען זיי איהם ווי אַ הערליכען גאָט וועמען שלעכטע מענשען האָבען אָנגעטהאָן שרעקליכע יסורים. אָבער קריסטוס האָט ניט שטאַרק פערנומען זייער געדאַנק. פאַר זיי איז געווען אַ פערגעניגען צו מאָהלען שעהנע מענער און פרויען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען זייער בע־וואונדערונג, און צו ענטפּלעקען די שעהנהייט פון אונזער שעהנער ערד. זיי האָבען געמאָהלען פיעל רעליגיעזע בילדער, אייגענטליך צופיעל, און די מאַנאָטאָנקייט פון די טיפּען און מאָטיווען איז ערמיעדענד און האָט געשאַדט דער קונסט. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם עולם'ס אויטאָריטעט

אין קונסט־זאַכען, און איז צו בעדויערען. זיי האָבען אָבער אין די בילדער ניט אַריינגעלעגט זייער נשמה. ראַפאַעל איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, ווען ער האָט געמאָהלען דעם פּאַפּסט'ס פּאָרטרעט. ווען ער האָט געמאָהלען זיינע מאַדאָנען און קריסטוס אַלס קינד, איז ער גאָר קיין גרויסער קינסטלער ניט. קריסטוס האָט דער רענעסאַנס גאָרנישט ניט געגעבען; פערקעהרט, די רענעסאַנס איז וואונדערבאַר דערמיט, וואָס זי האָט געבראַכט גאָר אַן אַנדער אידעאַל ווי זיינעם. און ווילען מיר האָבען דעם אמת'ן קריסטוס, מוזען מיר זיך ווענדען צו דער קונסט פון מיטעלאַלטער. דאָרט זעהען מיר איהם אַ פערוואונדעטען און צוקאַליעטשעטען; אַ בילד, וואָס איז ניט שעהן צו קוקען דערויף, דען שעהנקייט איז פרייד; ניט אין שעהנעם געוואַנד איז ער אָנגעטהאָן, דען דאָס איז אויך פרייד; מיר זעהען איהם ווי אַ בעטלער וואָס האָט אַ וואונדערבאַרע נשמה, ווי אַ קרעציגען וועמעס נשמה איז געטליך; ער דאַרף ניט קיין אייגענטהום און קיין געזונד; ער איז אַ גאָט, וואָס פערווירקליכט זיין פאָלקאָמענהייט דורך ליידען.

די עוואָלוציאָן פון דער מענשהייט איז לאַנגזאַם. די אונגערעכטיגקייט פון דער מענשהייט איז גרויס. עס איז געווען נויטיג, אַז ליידען זאָל ערקלערט ווערען אַלס אַ וועג צו זעלבסט־פערווירקליכונג. אפילו איצטער זיינען נאָך פאַראַן לענדער, וואו קריסטוס'עס בשורה איז נויטיג. קיין איינער וואָס לעבט אין היינטיגען רוסלאַנד קען בשום אופן ניט פער־ווירקליכען זיין פאָלקאָמענהייט אחוץ דורך ליידען. עטליכע רוסישע קינסטלער האָבען זיך פערווירקליכט אין קונסט;

אין אַ בעלעטריסטיק וואָס איז מיטעלאַלטערליך אין כאַראַק־טער, דען איהר הויפּט־מאָטיוו איז די פערווירקליכונג פון דער פּערזענליכקייט דורך ליידען. נור פאַר די, וואָס זיינען ניט קיין קינסטלער און לעבען ניט קיין אַנדער לעבען אויסער דעם טהעטיגען ווירקליכקייטס־לעבען, — פאַר זיי איז ליידען די איינציגע טהיר צו פאָלקאָמענהייט. אַ רוסישער וואָס לעבט צופריעדען אונטער'ן דרוק פון דעם איצטיגען רעגיערונגס־סיסטעם אין רוסלאַנד, מוז אָדער גלויבען אַז דער מענש האָט קיין נשמה ניט, אָדער אַז אויב ער האָט יאַ אַ נשמה, איז זי ניט ווערטה צו ענטוויקלען. אַ ניהיליסט וואָס פערוואַרפט יעדע אויטאָריטעט, ווייל ער ווייס אַז אויטאָריטעט איז שלעכט, און נעהמט אָן פאַר ליעב אַלע ליידען, ווייל דורך זיי פערווירקליכט ער זיין פּערזענליכקייט, איז אַן אמת'ער קריסט. פאַר איהם איז דער קריסטליכער אידעאַל אַ רעאַליטעט.

און דאָך איז קריסטוס ניט געווען קיין מורד במלכות. ער האָט זיך געבויגען פאַר דער קייזערליכער מאַכט פון רוים און געצאָהלט צינז. ער האָט פערליטען די הערשאַפט פון די אידישע גייסטליכע און האָט ניט געוואָלט ענטפערען מיט געוואַלד־טהאַטען אויף זייערע געוואַלד־טהאַטען. ער האָט ניט געהאַט, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, קיין פּלאַן ווי איבערצובויען די געזעלשאַפט. אָבער די מאָדערנע וועלט האָט פּלענער. זי וויל אָבשאַפען אָרעמקייט און די ליידען, וואָס זיינען פערבונדען מיט איהר. זי וויל לויז ווערען פון פּיין און די ליידען, וואָס זיינען פערבונדען מיט איהם. זי פערלאָזט זיך אויפ'ן סאָציאַליזם און די וויסענשאַפט אַלס

איהרע מעטהאָדען. איהר צוועק איז אַן אינדיוווידואַליזם וואָס דריקט זיך אויס דורך פרייד. דער אינדיוווידואַליזם וועט זיין ברייטער, פולער, פרעכטיגער, ווי וועלכער ניט איז אינדיוווידואַליזם, וואָס די וועלט האָט ביז איצט געזעהן. פיין איז ניט די לעצטע פאָרם פון פאָלקאָמענהייט. עס איז בלויז אַ צייטווייליגע זאַך און אַ פּראָטעסט. פיין האָט אַ זין ביי שלעכטע, אונגעזונדע, אונגערעכטע אומשטענדען. ווען אַל דאָס שלעכטע און דאָס קראַנקע און דאָס אונגערעכטע וועט פערשווינדען, וועט מעהר קיין אָרט ניט זיין פאַר פיין. זי וועט דאַן האָבען אָבגעטהאָן איהר אַרבייט. עס איז געווען אַ גרויסע אַרבייט, אָבער זי איז שוין כמעט איבעריג. מיט יעדען טאָג ווערט איהר ספערע אַלץ קלענער.

און מענשען וועלען ניט חרטה האָבען דערויף. דען וואָס מענשען האָבען געזוכט איז אין אמת׳ן ניט קיין פיין און ניט קיין פערגעניגען, נאָר איינפאַך — לעבען. דער מענש האָט געשטרעבט צו לעבען אינטענסיוו, פול און פאָלקאָם. ווען ער וועט דאָס קענען טהאָן, ניט אונטערדריקענדיג און ניט ווערענדיג אונטערדריקט, און ווען זיינע טהעטיגקייטען וועלען איהם זיין צום הארצען, וועט ער זיין געזינדער, שטאַרקער, מעהר ציוויליזירט, מעהר ע ר א ל י י ן. פערגעניגען איז דער נאַטור׳ס פּראָבע, דער סמן פון איהר הסכמה. ווען אַ מענש איז גליקליך, איז ער אין האַרמאָניע מיט זיך אַליין און מיט זיין סביבה. דער נייער אינדיוווידואַליזם, פאַר וועל־כען עס אַרבייט ווילענדיג־ניט־ווילענדיג דער סאָציאַליזם, וועט זיין פאָלקאָמענע האַרמאָניע. עס וועט זיין דאָס, צו וואָס די גריכען האָבען געשטרעבט און האָבען עס דערגרייכט

נור אין דער וועלט פון געדאנק, דען זיי האבען געהאט קנעכט און האבען זיי דערנעהרט; עס וועט זיין דאס, צו וואס די רענעסאנס האט געשטרעבט און האט עס דערגרייכט נור אין דער וועלט פון קונסט, דען זיי האבען געהאט קנעכט און געלאזט זיי הונגערען. די הארמאניע פון דער צוקונפט וועט זיין פאלשטענדיג, און יעדער מענש וועט דורך איהר גרייכען זיין פאלקאמענהייט. דער נייער אינדיווידואליזם איז דער נייער העלעניזם.

— ע נ ד ע. —